פ. מארקיש

מ ת ם

[redacted]
ISBN:0-657-12726-4
01-492

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12726

STAM

Peretz Markish

Permanent preservation of this book was made possible
In memory of Rabbi Eliezer Slutzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פּרץ מאַרקיש

סתם

דריטע אויפלאגע

פאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
ווארשע

איבערדרוקן אָן דער
ערלויבעניש פֿאַרבאָטן

געדרוקט אין 2000 עקז.
ווארשע, 1922.

געז. ביי ברוק און ב״ר, קארמעליצקא 4.
געדרוקט „אשוויאטא״ טלאמאצקע 4.

„Stam"—Perec Markisz.
Wyd. „KULTUR-LIGA" Warszawa 1922 r.

Druk. „Oświat a", Warszawa, Tłomackie 4 tel. 236-02.

מיין טייערער שוועסטער

גאָלדאַן

איז דער בוך געהייליקט.

דער ערשטער פּאָכער פון מיין גלאָקעדיקן טורם
— צו דיר, אָ, פּרוש גאָלדענער פון הימלען...
דער אַלטער קלינגער-ווינט האָט אויפגעוויגט אויף שטורם!

אָ, איילט זיך, בלאָנדזשלינגען, — אהער, פון שקיעהס טויערן!
— אויף רויטע אָפּגרונטן פון טרענקענדע זיך זונען
שפּיי איך אַרויס אַ שליופּקעלע — מיין בלוטיק הארץ!
אָ, וועכטער איינזאַמע פון הייליקע פון זיידעס קברים!
— ג'הקפות נאכטישע מיט שטומע כוואַליעס-מויערן
איך שליידער בלינד מיין קאָפּ צו פיס דעם פרילינג,—
און זאָלן ריטשקעלעך מיט מיר באַזוניקן די גאַס,
פאַרגלעקערן די ערד און חאָס זיי ווילן...

— דיין האַמער, זון,
מיין ברוסט, ווי אַ קאָוואַדלע, — אויפגעמען איז גרייט,
דיינע צעגליטע העק
האָט שוין דערהערט מיין הארצס נאָך ניט געריירטער וואַלד,
— שפּאַלט!

אויף רעכטער זייט פון שליאַך דערקרעכצט דעם וועג
אַ פור אַ שוואַרצע, ווי אַ שפּין...
אָ, טרויער-גלאָק פון הינקענדיקער טרונע,
וועסט היינט ניט אָפּרויבן מיין שטורעמדיקע פרייד,
— די לינקע זייט איז זוניק!...

ביט היט מיך, שטאָט, פאַרלייג אויף מיר היינט ניט קיין ראָגן,
פאַרוואַרף אויף מיר היינט ניט קיין שרויפן,
— כ'וועל נישט אַנטלויפן,
כ'וועל, היינט, מיין רעש אין ערגעץ ניט פאַרטראָגן
כ'וועל אים אליין אין ערגעץ ניט דערברענגען...
— אהער, פאַרבייגייער,
זיך אויפן גאַס מיט אייך אין פרייד דערטרענקען!

דער ערשטער פיבער פון מיין גלאָקעדיקן טורעם
צו דיר, צו דיר, אָ, פּרוש גאָלדענער פון הימלען...
דער אַלטער קלינגער-ווינט האָט אויפגעוויגט אויף שטורעם!

און וויגט זיך אויף קייטן פון רגעס פון מיינע א צווייַקע וואָג-שאָל
— די נאַכט מיטן טאָג-שיין —

אַ אָדלער פון שנייען מיט פליגל פאַרסאַזשעט — אויף גאָלדענעם זאַנגל
פון זון-האַרץ — געהאַנגען...

אָ, פיבערט נאָך מירַ ניט, איר, דאָרשטיקע עמער פון חאָג-שאָל, אָ, גריבער,
כ'וועל ערגעץ ניט — איבער...

צוגלייך כ'האָב, א בלינדער, פאַרטרויט זיך—אייך, פליגלשע דלאָניעס פון וואָג-שאָל,
— אָ, נאַכט מיטן טאָג-שיין!...

ווײוועס

א.

...אויף מיר, דערהויבענעם פון אַש,
איז אויפגעגאַנגען די קרוין פון שירה און פון וואַך זיין...
– אָ, מיר דען, מיר דען, – אויפגעפליגלטן אין רעש –
פאַרווערן האַקן וועלדער פון מיין האַרצן?...

נאָך מיין באַפליגלט־בלינדן שפּאַן
פאַרבענקט האָבן זיך ערגעץ אומוועגן פאַרגעסענע...
– אָ, מיר דען, מיר, – פאַרשטעלטן אָרעמאַן –
מיט אותיליך פון טריט די ערד צעמעסטן?..

– איך חלום זיך אייער געהיימען מאָלצייט,
אָ, רוימען, שוימענדיקע מערק,
איך חלום זיך אייך, מאָלצייטדיקע בערג,
אייער געגרייטן טיש אָן ברויטן און אָן ווין...

און חלומט מיר זיך אייער רוף:

– אַהער גיי,
בכור,
– אַהער גיי,
קין!..

אַ וויווע אָדמס אויסגעבירט
מיט שכורן דעם שנײ פון שײַנען,
מיט זויגן זונענדיקע זויגערס פון באַגינען...
— צעטראָגן ווינטן שנײעלעך פון שכור־האַרץ פון מײנעם, —
וואָס זאָל איך — ווינטן ניט פאַרגינען?...

אָ, דו, געשטערנטער, פאַרשוועכטער בויך,
באַווילִיקטער מיט שעפסן־בלוט,
אָ, דו, פאַרשוועכטע הויך!
— אין אויסגעהאַקטן וואַלד פון האַרץ פון מײנעם,
אויף טאָרטש צעגריזעטן מיט צײנער, —
האָב איך קײן רו זיך נישט געפונען...
און באַהאַלטן וויל מיך קײנער, קײנער...

— אַ אײנציק בלעטעלע פאַרלײגן אויפן גומען,
— אַ מינדסטן פינגער אָפּגריזען פון ווערבע
און טרײסט מיך, טרײסט מיך — פײפעלע מיט פײפן, —
און פײגעלעך מיט פרײד פון אַלע וועלדער קומען, —
נאָר אַ פאַרטריקעניש — מײן האַרץ... איך — בײמער, ווער בין?
וועל איך אָן טאָרטש אַ שטײן אַזוי לאַנג שלײפן,
ווי כ׳שאַרף מײן יאָך אָן טיף פון יאָרן,
ביז אויפגײן וועט פון אים — אַ ליכט,
ווי האַרבסטן־בלוט אויף פעלדער קאָרן
מיט פרײד פון אומוועגן און מערדערישן מי...

— צו וואָס דיר פרײד פון פעלדערשע געבירט־טעג,
אָ, אָפּגרונט, פרעסנדיקער פיטערנדע פי?..

הײ, איר, געקעפּטע טעג,
פֿאַרטריבענע צו װעלטן אײנגעשרימפּענע אויף ניה,
— װי דרעמלדיקע װײַזער=לײט מיט לעמפּעלעך פֿאַרטראַכט
מיך לאָזן צײטן דורך — אַ צוג — אַ לויפֿנדן פֿאַרבײ...
און נעמט מיך איבער װעג בײ װעג,
אַ שטום=פֿאַרשטעמפּעװעטן סוד,
— פֿון ערשטלינג=װעלט — די אויפֿגעטאָגטע „אלף“, —
— דעם ערשטן נס מיט שטײנער אין די הענט,
מיט בלעטער צוגעקלעפּט צו לײב,
מיט שרפֿהדיקן אויגן=רינג צעהאַלבט,
צעשטראָמט אויף אַלע װעלטן=זײטן...

אָ, װאַכנדיקע, װאַרטנדיקע װײטן,
— אויף װעגן=װיקלשנירן זוניקע — געזאַלבט,
אַלײן איך שטראַל אויף
באַװאַקסן שטחן, באַמיסטיקן די ערד
מיט זרע פֿון מײן זוניקן געשלעכט!...

אַ וויווע מיר,
איר, געסט פאַררופענע, געבראַכטע צום געהיימען מאָלצייט
מיט ביינער=טענץ פון אויסגעפליישטע שטאָלצן,
מיר, אויסדערוועלטן אָפּגאָט...
— איך טראָג, איך שלעפ
צו אייער גענעצדיקער טיר,
מיין ברודער, דעם געקעפטן !...

נאָר וועגן=צלמס אויסגעלייגט קאַפּויר,
ווי ציינקאַסטנס צעדרייטע קייען:
„— אַהער גיי, בכור,
אַהער גיי, קין...“

— אַראָפּ פון שלעפערישער וואַך, איר, אַלע זייטן וועלט,
— אַראָפּ, דו גליווערדיקער פאַנצער=צייט, פון אויסגעזונטן נאַקעט, —
און ווען שיין פון מיינע בלוטדאָרשטיקע פינגער — פעלט ?
— באַפעלט !
און ווער עס דאָרשט מיין טרוימענדיקן הענט=געהער ? —
אַהער !

אַ וויווע אייך, יאָר-הונדערטן פאַרגאַנגענע,
אָ, וועלדער אויסגעהאַקטע דורות,
אַ וויווע אייך — מיט בלאָנדזשענדיקן צושלאָג פון מיין גאַנג..
מיט עקבויר-בייטש ביי ביישטידלען פון טויערן,
מיט אייזערנע פון מיינע וויקל-קלאַנגענדיקע קנוילן...
און דיר, אַ וויווע, לעלע-ערד!

אָ, דיך באַפּרוכפּערן וועל איך מיט מיין צעפוילן:

...אין זאַנגען פעלדישע, אייך, מיינע אויגן, איך פאַרוואַנדל,
מיין בלוט וועט גערן
אָנטרינקען אייך, מאַנדלען...
און — שיפן זאָלן צובלאָנדזשען צום האַפן
פון מיין האַלב-אינזלדיקן שטערן
אויף הערצער קלאַפּנדע פון ימען,
מיין אָטעם — ווינטן, מ״ין אָפּליד — וועלן...
— אָ, דריי זיך, דריי-ראָד, אויפשליסן די „ת״
צו מיין פארכליינעט-זוניקן אַרויף...
ווי קאָן איך זיך אויף מאָלצייטן פאַרזאַמען,
און ווו וואָרצלען, און ווו שטאַמען?..

אַ ווילווע אייך, — פֿאַרבייגייער,
מיט שכורדיקע קאָמפּאַסן
אויף טאַנצנדיקע לערן...
פֿאַר בעטלערישע טאָרבעלעך פֿון אויגן!..

אַ וויווע אייך, מיט ערשטן אָנבייסן
דאָס בלאָנדזשענדיקע לאַנד פֿון שטערן...
און מיטן ערשטן אָפּגריזען די מינדסטע פֿינגער פֿון די פּיס!..
— אויף לייב מיינס פֿינטלען מיט נביאות
זיך קראָען, ווי אויף צווייגן,
און ווינטן מיט מיין אָטעם שווערן,
לייגן
דעם בייַנאַכט און דעם באַגינען,
— וואָס זאָל איך — פֿייגעלעך פֿאַרווערן?
— וואָס זאָל איך — ווינטן ניט פֿאַרגינען?

אָ, טרענקענדע זיך שיפן
אין שכורע אין האַלבע נעכט פון לייבערישן שניי!...
– איך גיי,
איך טראָג
די שיין פון זעקסטן טאָג!..
צו אייך, געקעפּטע טיפן,
צו דיר, אָ, בענקענדיקער אָפּגרונט...

נאָר טריט פאַרפּלאָנטערטע געפּענטעטע טאָפּקען,
ווי וועקנדיקע וועכטער-קלאָפּערס איבער טויער:
„– קין, קין...
אַהער גיי, בכור!
אַהער גיי, קין!..“ –

ב.

כ׳נעם אָן פאַר ליב מיין צער,
איך נעם אים אָן געווענ,
– איך וועל אים אויסשטיין...

צום אָפּגרונט רינען מיינע הענט, ווי בריסטן דאַרע,
ווי צעטוישטע...
און יעדער פוס – אַן אַנדער וועג...

אָ, דו, עקרהדיקע הויך,
מיט אויסגעבענטשטע ליכטער!
– פאַרגיין דו מוסט אין טראָגן פון אַ דיכטער,
אריינגעזאַפּט וואָס האָט דעם ריח
פון ווילד ביי=וועגנדיקן גראָז
אויף וויסטן צפונדיקן פראָסט,
צעכראַסטעטן, צעקרויזטן...

כ׳נעם אָן פאַר ליב מיין צער,
– איך וועל אים אויסשטיין!...

ג.

כ׳וועל מאָרגן אויפשטיין הונגעריק און אויסגעזויגן,
כ׳וועל צולייגן מיין מויל צו פרישע אָנגעפליקטע שנייען...
און בלוט אַ שלאָג טאָן זאָל דער גראַם פון מיינע ליפן...
— דו, צפון־ווינט, זאָלסט ניט פאַרווייען,
זאָלסט ניט פאַרקלעמערן, זאָלסט ניט פאַרשנייען...
— פאַרנאַכטן ציפן גראָז ביי מיין בּיי ניט אַרומגעזוימטן שטערן,
און קעמלען מדבּרישע טרונקען — הייסע טעג בּיי מיינע אויגן,
— כ׳וועל מאָרגן אויפשטיין הונגעריק און אויסגעזויגן...

ד.

אָ, טענץ פון חופּהדיקע טרונעס,
אָ, דאַרע פּאַזוכע פון טויט.
— איך האָב אַ נאַכטלעג היינט געפונען,
געזאַלצן האָב איך היינט מיין ברויט!..

אָ, לאָזט זיי, לאָזט זיי אָנקומען פון אַלע זייטן,
אָ, לאָזט זיי, לאָזט זיי אויסלייגן די טריט..
— אויף וואָג־שאָלן פון ביינעריקע ווייטן, —
מיט רו שוין וועגט זיך אויס מיין ליד..

חצות

א.

אויף דיר, געשטאָרבענער,
— די האָפענונג, די לעצטע...

מיט פאָנען נאַכטעשע פון פענסטער
אויסגעזעצטע,
גלייך ווי מיט שוואַרצע טאָרבעס,
אויסגעליידיקט אויף געבעטן, —
— דיך וואַרטן קלויזן, קלויסטערס און מעטשעטן!...

אויף דיין הזכרה, מת,
די לעצטע טרייסט...

מיט פוילע ציינקאַסטנדע קרייצן
זיך שניצן,
שאַרפן ציינער איינציקע
פון עלנדע פון קלויסטערישע שפיצן...

און אויף אַ פרעס,
ווי פון אַ שטילן האַלב־נאַכטישן קנס־מאָל, —
דיך גאַסלען בעטלערישע יאַסלעס!...

אויף דיר, געשטאָרבענער,
די האפענונג די לעצטע...

מיט שקיעה=פאָנעלעך פון ציטעריקע ליכטלעך,
גלייך ווי מיט לעקערס הינטישע
אויף יאַטקעדיקע פלעצער
אין טויבע האַלב=נאַכטן פון דערפער און פון שטעטן, —
דיך מאָנען קלויזן, קלויסטערס און מעטשעטן!...

ב.

אָ, איילט זיך, איילט זיך מיטן ערשטן כּבֿוד
דעם מת, דעם בר־מנן באַהערן...
– א וויוועָ זיין אַ פייערלעכע דאָ וועט, –
באַגייסטערט, ראָבן, זיך,–אייך אייביקייט וועט הערן!...
אויף ליפּן זונבאַגדיקע לייענט ניט קיין שוים מ נר,
אָ, זאָגערס זיגערשע, מיט טענץ פון הינקענדיקע עמער,
– אַהער, אַהער, אָ, אויסגעבענקטע טרוימער...
שוין וואַרט אַ שוואַרצער קברשער באַלעמער,
אַ בלוי באַגייסטערונג מיט אייביקייט פאַרקאָוועט...
און גלעקער גלעקלען, – דאַוועגען און שווערן...
– אָ, איילט זיך, איילט זיך מיטן ערשטן כבוד
דעם מת, דעם בר־מנן באַהערן!...

ג.

—גלעקער,— האַלבּ=נאַכט! דרייצן, פערצן,
כּלי=זמר ווײַנערקעס — אַהער צו!
צינגען, גאָרגלען שטאַרקער דרייט אָן,
— אייך אַ נדר? איידער?— פרייד איַיך!
לאָמיר גיכער גיין באַגלייטן!
אָ, ווו זיינט איר, זאַמט איר, געסט?

וואַרט, ניט וואַרט זיך אויס דער מת...

היי, באַגרעבערס, בינדט אַ מיטה,
לופ און שטריק און שטעקנס — גרעבער
— מיר צערייסן דאָ היינט שמיטה
אויף די גזלה=ציינער שרייט:
— צייט!

— צום בייז=ווּנדער
— צום בייז=ווּנדער, —
הוילע פּיס און אַלטע שקראַבּעס
און גזלניש=קליינע אייגלעך...

שושקען זיך מיט זקנים=באַבּעס
און מיט באַבּעס קליינע קינדער
נ׳מיטן גנב — דעם באַגרעבּער
דינגען, דינגען זיך דאָרט בּלינדע,
— רירט זיך, היי, אָרעמע=לייט!

היי, פאַרשלעפּערט ניט די וועגן,
שלעפּט די אונטערשטענע פּיס;
בעטלערס, קרעציקע און קראַנקע,
מיידלעך, אָנגעבּראָקט אויף ראָגן,
זעט נאָר איין גיין
און דערטראָגן
די באַגרעבּערשע נביאות!..

רירט זיך, טרעגער,
גיכער, עולם,
ליידיק בלאָזט דאָרט אויס די שטוב...
אויפן מאַרקישן בית=עולם
וואַרט שוין לאַנג אויף אייך אַ גרוב...

גלעקער, האַלב=נאַכט! — דרייצן, פערצן,
מיט אַ שטיין אין האַרץ — אַהער צו
צום געהאָנגענעם מעת=לעת,
— אַ בזיון פאַרן מת!..

ד.

...מיר, בעטלער, באָרוויסן, פאַרשטעלטן...
מיט קאַלעך=אויוונס העלישע פון מדבר=אויגן. —
אין היצן און אין קעלטן
ביי דיינע פענסטערלעך — אַ שוועל געבויגן...
— מיר, וואַלגער=שטיין,
געשען
איז זיין
דיין
תקיעהדיקער אויפרייס!..

—אָ, תקיעהדיק=צעריסן האַרץ,
אָ, שרפה=נאַכט פון שופרות
און פון טויט,
— אַ ברעקל ברויט,
— אַ ברעקל אַ פאַרדאַרטס!..

ה.

האָט אַ שטורעם מיר פאַרטרויעט, אַז אין הויכן וואַרט אַ היים מיך,
און געשווירן האָבן מנורות האָבן זילבערנע פוןביימער.

און מיין היים איז אין אַ וואַלד דאָרט, זיי אַ ים פון שטערן־טוי היט, —
וואַרטן שאָטנס, וואַרטן טויען; — האָט אַ שטורעם מיר פאַרטרויעט! . .

און געהערט האָב איך דעם שטורעם, און געגלויבט האָב איך די ביימער
— קורץ מיין וועג איז, לאַנג מיין גייען, — און איך בלאָנדזשע, און איך גיי מיר...

פרעמד מיר, היים ביסט, אין דיין רו־צייט, עפּעס הויכער, עפּעס בלויער, —
וואַרט, געהיים־רו, וואַרט מיך בלויען; — האָט אַ שטורעם מיר פאַרטרויעט. . .

שרעקט מיך, הויכן, אייער שווייגן, שרעקט מיך, הויכן, אייער שטומען, —
כ׳וועל צו דיר, מיין בלויע היימאַט, אין אַ שטורעם־מאָרגן קומען. . .

אין אַ שטורעם־ראָד אַ גיכער, אין אַ וויכער זיך פאַרדרייען,
נ׳סנאָפּעט שנייען, נ׳שנירלעך טויען, — האָט אַ שטורעם מיר פאַרטרויעט...

האָט אַ שטורעם מיר פאַרטרויעט, אַז אין הויכן וואַרט אַ היים מיך, —
און געשווירן האָבן מנורות האָבן זילבערנע פון ביימער! . .

ו.

האַלב=נאַכט אָנגעשיקט אויף מיר האָט
צוועלעף שוואַרצע רייטער=אירע,

אָנגעקלאָפּט אין פענסטער : איראָד,
האָסט דערגרייכט די שעה פון שירה!..

פייער, איראָד, אויף דיין לעמפּל,
גלעקער, ראָבן, שוואַרצע דעמפּן...

צינגלען צינגען; טהרה, טהרה,
Ave Marie, Ave Marie!

איראָד, איראָד, דינען, הייס דיר,
— ברענגען מיר דעם קאָפּ פון קלויסטער!

איראָד, איראָד, איראָד, איראָד,
האָסט דערגרייכט די שעה פון שירה!..

ז.

מיט אַש אויף אויפגאַנגס — קלאָגן רעדער, רוסלאַנד, הערסט דו?..
שוין מיען וואָגנס זיך באַמיסטיקן די פעלדער ;
— כ'האָב זיך פאַרטרויט דיינע ניט אויסגעצייילטע ווערסטן...
מיין מויל אויף טוי — אַ לאָגל גאָלד — כ'האָב אונטערשטעלט דיר!...

פון פערד פון פאָלגנדע די טלאָ וועט דיר ניט ווי טאָן,
נ'קיין ענטפער וואַרטן ניט די רעדער ניט געשמירטע ;..
— כ'וועל שוין ניט אויסמיידן אין ערגעץ דיינע ברייטן...
נאָר דיינע מאָלצייטן פאַרבייגיין וועט דיין דיכטער !..

ח.

רייטער־אירע, רייטער־אירע,
— צייט פון שירה!..

פעכן־נעכט פון קוילן־גריבער,
הייסע בעטן, היץ פון ברוסט;
קני־געבויגן, לייב אין פיבער,
פלעכט אַ פוס זיך אָן אַ פוס...

רייטער אירע, רייטער־אירע,
צייט פון שירה!..

וואַקס פון זונה־קניען — לייטער,
קום אין שטוב אַריינגיין, פחד,
קום אין בעט זיך לייגן, קראָ. .

קלויסטער אויסגעשפיגן דאַך האָט,
זונהס, זונהס, זייט מזנה,
איינס די צווייטע, איינס די צווייטע
אין אַ שטומער שוואַרצער שעה!..

ט.

אויף וועגן גליטשיקע פון אייז, פון ניט געשנייטן,
ניט זיכער, איינגעשטעלט, זיך גליטשט מיין גיכער גאַנג. . .
אַ שוואַלב — אַ פליגעלע, — פון איין טריט ביזן צווייטן
כאַפּ איך מיט בלאָנדזשענדן געהער דאָ יעדן קלאַנג...

ערגעץ פאַר הויכן כוואַליש=פּלאַסטערט זיך מיין קאָפּ=ראַנד,
נ'ווער ווייסט, וואָס אונטן פּאָרט זיך שטיל מיט מיינע טריט ? . .
— אָ, ערגעץ נאָענט, ערגעץ בענקט נאָך מיר אַ אָפּגרונט
נאָר ס'בענקען טריט מיינע פון אָפּגרונט נאָך אַ ליד . . .

ז.

בעטל ניט אויף טל און רעגן,
מיין אַנטקעגן,
בעטל ניט פון מיינעט וועגן !..

שפּרעכן קראָען מיר נביאות :
— „אָפּגעדעקטע הוילע פּיס...“

הוילע פּיס און דריבנע רעגן,
בלעטער, בלעטער,
גאָלע בלעטער,
און אַזוי פיל שטומע וועגן,
— אָ, איך ווייס פון וועמעס וועגן !..

כאָרכלען בלעטער,
דאַרע בלעטער,
אָפּגעריסענע פון תליות
אונטער מיינע גזלה-טריט,
גלייך ווי מעסערס אויף אַ שניט...

— בעטל ניט אויף טל און רעגן,
מיין אַנטקעגן,
בעטל ניט פון מיינעט וועגן !.

יא.

אויף וועלן אויף ווילדע אין וויסטער, אין ווייט דאָרט,
— מיר שווימען אויף שליופקעס פון שיפן געשליידערט !..

פון מזרח צו מערב, צו דרום פון צפון,
פון אונטערגעגאַנגענע שיפן צעוואָרפן !..

די אויגן די דולע זיך קערוועז ווהין זאָלן ?
און ווייטן — זיי ריזלען... אָ, אינזלען, אָ, אינזלען !..

ניט זען איז קיין ביימער, און וואָס זיינען ברעגן ?..
אָ, שכורע, נאַקעט־צעאַקערטע וועגן !..

פרימאָרגן, שוין האַלב־טאָג. ער גייט ווי אַ לאָמפּ אויס,
און ס'דרייט זיך די זון, — אונזער שכורער קאָמפּאַס !..

אָ, האַקט ניט די הענט מיר, — אַ חלום איך בלענד נאָר,
נ'מיר חלומען אַלע זיך טרוימענדע לענדער !..

אויף וועלן אויף ווילדע אין וויסטער, אין ווייט דאָרט,
— מיר שווימען אויף שליופקעס פון שיפן געשליידערט !..

זינגענדיקע שטיינער

א.

זאָלסט מיך, וועג, דאָ ניט פֿאַרפֿירן
אין פֿאַרשעמטן מיין אַליין גיין...
— כ׳שרעק זיך עפּעס ניט פֿאַרלירן,
— כ׳שרעק זיך עפּעס ניט דערבערענגען...

כ׳טראָג געכאַפּטס, ווי הירש אויף הערנער,
זינגט גערעטעניש מיין ווענטקע...
— עמעץ רופט מיך, מאַמע, הער נאָר,
נאָר אַליין כ׳בין שוין געוויינט גיין...

וואַרט אויף דריטן האָן דער בראַנד=צוג,
און די נאַכט — אין בעט, אין שוואַנגער...
— טויזנט און ניינהונדערט צוואַנציק, —
אַז דיין שטוב אַ טראָפּן שיין גאַרט...

פונקען – פלינק נאָך מיר זיך יאָגן,
פון מיין טריט=געשלעג מיט שטיין נאָר...
– פון פאַרטאָג אָן ביז פאַרטאָג אָן
שירה טראָגן מיינע שטיינער...

ס'זאָל דער ווינט זיי ניט פאַרלעשן,
צינד איך אָן דאָס ערשטע ליכט דיר...
– גרייט צום טיש! – מיט ברויט מיט פלעשער,
ס'איילט צו דיר אין שטוב אַ דיכטער...

זאָלסט מיך, וועג, דאָ ניט פאַרפירן
אין מיין שמחה פון אַליין גיין...
– כ'ערעק זיך עפּעס ניט פאַרלירן,
כ'שרעק זיך עפּעס ניט דערבערענגען...

ב.

שטוב — פאַרקייטלט, שויב פאַרשלאָגן,
טרוים — פאַרטורעמט, טיר — פאַרפעסטיקט...

— היי, פון דרויסן ווער מיין נעסט האַקט ?...

ביז ס׳וועט אָנהויבן צו טאָגן,
וועל איך זי אַליין צעטראָגן...

פיק ניט, פויגל, קלאַפּ ניט, גייער,
אָן מיין וועכטער־בוים פון וועלדער...

— עפענען אַליין איך וועל דיר !...

ביז דער דריטער האָן וועט קרייען,
בלעטער אַלע כ׳וועל צעווייען...

אָ, איך פיל שוין דאָ דיין שטער־האַנט.
אויפגאַנג־גאַסט מיט קדושה־רינגל...

— נאַ דיר דורך דער שויב מיין פינגער !...

ביז מיין שטערן איז געשטערנט,
וועל איך ניט צו דיר געהערן !...

ערגעץ ווינט אַ נעסט אַזאַ מאָלט...
ערגעץ טרייבט די נאַכט אַ קלאָג אָן...

— ניט פאַר דיר כ׳האָב שטרוי געזאַמלט...

ביז ס׳וועט אָנהויבן צו טאָגן,
וועל איך זיך אַליין צעטראָגן !...

ישראל ראבינאָװיטשן.

ב.

אויף זאַמדן אויף װיסטע
פון מדבּרשע גלייכן
שוין רויכערן ביינער פון אוראַלט פון מיינעם
— סאַמומען צעװייטע...
שוין רירן זיך שלעסער פון אַקסל אין שיין אום
און זוכן א צװייטן,
און מאָנען אַ גלייכן...

אויף זאַמדן אויף װיסטע
פון מדבּרשע ברייטן
שוין שװימען װולקאַנעס, װי ריזיקע טורעמס, —
אַ בשורה, אַ העלישע בשורה פאַרשפּרייטן,
אויף אויסבּרענגען רעגנס
מיט האָגלען, מיט שטיינער,
— דערמונטערן אוראַלטע ריזיקע ביינער...

פון וואַנען ? ווער ביסטו ?
דו, גלוטיקער שטורעם,
דו, מדבּרשער רייטער ?

פון הייסע מדבּריש־פּאַרטרוקנטע ביינער
אַ אָטעם אַ ערשטער מיט זאַמדן באַוואַקסן ?

וואָס זוכסטו, — אַ אָרעם ?
וואָס מאָנסטו, — אַ אַקסל ?

איך טראָג דיר, צעבּלוטיקט, אַ האַנט אַ באַפרייטע,
פאַר דיר זיינען — שולטער, געהאָגלט, געשטיינערט,

— און איך בין נישט איינער,
— נישט איינער, נישט איינער !...

ד.

מיט מאַרך פון מיין אורעלטערס גיפטיקדיקן שפּור=ביין—
אויף שטייגן מיינעם אויסגעקריצט איז: חורבן...

אויף בליצישן צעשניט פון ליפּן=צאַנק
מיט זון איז אויסגעזוימט: געזאַנג...

מיט טויזנט=אויפגאַנגדיקן בשורה=פלאַקער
טיף אין מיין בליק איז אָנגעצונדן: וועלן...

און אונטער יעדער פוס — געשלייפטן אַקער
זיך בערגלען שווינדלדיקע שוועלן...

צעשפּרייטע הוילע הענט אין זון=האָרן געגליט
צעציען זיך ווי שטריק
פון אויפגאַנגס=טריט
ביז שקיעהס גרויע האָר
און קייטן פענטען אויף
צעצויגענע פון דור צו דור...

איך קויקל זיך פון יונגסטע וייטן רעגנבויגיק צו נאָר!...

דער ערשטער בראָך פון איינגעפלעצטן גליוויער=טייך,
בין איך דער יונגסטער צווישן אייך,
בין איך דער ערשטער דונער!

ה.

מיט טאָרבעלעך מיט צוויי,
ווי מיט אַראָפּגעייענד געווערטס,
פאַרוואָרפן פונם אַקסל־שטאַנג,
פאַרבינדזן פונם האַלז אָן, —
— אויף צפון איז מיין גאַנג...

אין שווייגנדיקע שייד־וועגן געגליט,
ניט אַמפּערן זיך מיינע בלינדע טריט
מיט לינקס מיט רעכטס...

נאָר ווי אַן אויגנדיק געוויין
פון אויסגעדראָטיקט־שטייפע שליפן
אין מויל זיך שיפן
שווערע טראָפּנדלעך געזאַלצנס...

אויף מיין געזוניקט לייב
פון שמיץ פאַרלאָפן זיינען — לויערדיקע גראָבנס:
— די שוואַרצע פּאַסן ניט־צעגראָבנס...
— די גרינע זוימען ניט־פאַרזייטס...
— די גרויע צוויקעלעך פאַרדאַרטס...

אַליין זיך רייס אַראָפּ פון קרייץ,
מיין אויסגעווינטיקט האַרץ,
מיין נאָך ניט אויסגעטראָגן ליד...:
און גיי,
באַטריט
דעם טאָג,
וואָס איז אין בלוט צעיאַטערט,
און זיי די ערשטע בשורהדיקע בלאַט דאָרט...

ו.

מיט אַ שטיק וואָל,
אַן איינגעטונקענע אין בלוט פון מיינע לידער, —
קום איך דער ערשטער אויפגעוועקטער ריז
פון אויסגעביינטן טאָל. . .

— מיט יעדער האַנט — מיין אַקסל=ביין איך שליס,
— מיט יעדער אַקסל=ביין מיין האַנט איך גלידער !...

ווי שמידער נאַקעטער ביים אויפגאַנג אויפגעברענט
מיט גליקלעך=האָרנדיקע אויגן, —
האָב איך צו פלאַקסן איינציקע מיט הונגעריקע הענט
די וואָל פון הייסער זון זיך אויסגעצויגן,
ווי פון אַ גרויסן ברענענדיקן קנויל, —
און אויפגעגאַנגען איז אַ זון — אַליין מיין מויל...

מיט אַ שטיק וואָל געצונדן אין באַגינען
קום איך, דער יונגסטער, אויף געביין פון שוועסטער און פון ברידער,
מיט יונגע טריט פון ניט געצוימטע פיס —
איך, ביינער, אויפוועקן, אייך מיט געזאַנג פאַרפּינען. . .

— מיט יעדער האַנט — מיין אַקסל=ביין איך שליס,
— מיט יעדער אַקסל=ביין — מיין האַנט איך גלידער !...

ז.

אויף שייד=וועגן צעשניטענע
באַגעגן איך דיך, היינט, – אַן אויפגאַנגדיקן בריק
מיט פייערלעך אַ שיט,
ווי מיט אַ טשאַטע ברעגענדיקע שוואַלבן...

דעם בלוטיקן צעקייל
פון שטערן דיינעם, הויך,
ניט איבערוויקלען וועלן שוין פון רויך
די שוואַרצע שפּריצנדיקע בינטן...

– נ׳מיין לעצטע העמד מיין נעכטיקע – פאַרברענט...

שוין פון ביינאַכט
אין מיט באַגעגעניש פון דולע הערנערדיקע ווינטן,
צעווישן פרישע פלוידערדיקע פאַלבן,–
מיין באָרוועס אויף דיר טריט אָן,
מיין נאַקעט אויף דיר וואַכט...

און גייען אויף צו דיר, ווי בערג, אַזוי פיל מיינע הענט
דיין לייב אינם אָנתּהומעדיקן טראַכט,
ווי אין אַ באַקדייזשע פאַרקנעטן...
און קוימענעס — שוואַרץ לאָקיקע שטאַפּעטן,
פאַרוואָרפן אויף דיר האָבן שוואַרצע שטריק,
ווי שוואַרצע ריזיקע ראַקעטן...

און יעדער אויג — אַ האָרן...
און יעדער שלונג — אַ האַרץ

ב'אין אַלע זייטן — שטראַלנדיקע שנירן,
צעקעמט פון מיינע טריט זיך פאָרן,
גלייך ווי פון שייד=וועג אייזערנעם — געפּרעסטע צווייגן...

— ווי קאָן איך דיך אין אַזאַ ליכטיקייט פאַרבייגיין?...
— ווי קאָן איך זיך מיט דיר אין אַזאַ תאוה ניט באַרירן?...

ח.

מייל צו מויל און אויג צו אויגן!
— דרויסן שמעקט היינט מיט אתרוגים
און מיט פייכטעניש פון מידקייט
— אינדן=טאָג מיט אויפגאַנג=טריט גיים!

— ווער זשע בלייבט היינט אונטער שטיין?
היי, ווער בלייבט היינט אין דער היים?...

ט.

כ׳צעגיס זיך, ווי אַ גרעבלי אין דיר, טאָג, היינט!...
און שוואַרצע שוימען איבער לייבער דיינע פינען,
ווי פון אַ שוואַרצן טייך — אַ אָדרשער צעגאָס...

נאָר מיינע אויגן — וואַלדיש גרינען
און יעדער אבר מיינער — טראָגנד,
אָ, מיר באַשערט איז אויפשטעמפלען דיך, חצות...

י.

— תמוז,
אָטעם מיינעם — דיינע ברוסטן — בערג־היץ,
— ווינט — מיין שטאַם איז!...

עפּעס וויקלט זיך פון ווייטן מיר אַנטקעגן,
גריילדיק,
דער בלינדער ערגעץ...

עפּעס מאָנט ביי מיר פון נהרג אייזערנעם
דאָס זשאָווערדיק געביין...

און איך פון אויסגעמאַרכטן ביין
און הויל,
אַליין,
צעוויקל ערגעץ זיך — אַ קנויל
אין פּענט
פון אַלטע הויקערדיקע קניפּן...

— וואָס ברענגען קאָן איך דען אויף מיינע דאַרע הענט,
אויף מיינע אויסגעזייטע ליפּן?...
איך, זינגער, אָפּגעריסענער ביז בלוט...

היפּער איך פון אייזן־וועג
די צווייענדיקע ניט...

— תמוז,
צעפּליען לאַטעס זיך פון מיין געפאַלדעוועטן טראָג,
צעפּליען שוואַלבן זיך פון מיין געשטיקעוועט געזאַנג,
כ'ווער ווייסט, וואָס נאָך אין מיינע טאָרבעלעך שוין פעלט
אויף מיין זיך־זיפנדיקן ניגון־גאַנג ? . .

מיין אָטעם שטיקער שלינגט געשטיקעוועסן טאָג,
און אויסגעלאַטעט איז דאָס גאַנצע פליענדיקע פעלד...

תמוז,
דיינע בערג היץ ! . . .
ווינט — מיין שטאָם איז . . .
— וואָס נאָך, אָ, גרייפנדיקער ערגעץ ? . . .

יא.

נענטער צו מיר, שוואַרצערדישע געזאַנגען,
איך גיי פון חתונות, פון טהרות, פון לויות . . .
און אייז איז שוין צעלאָזט, און טייכעלעך – צעגאַנגען,
און ווינטער איז אַוועק, און ווייסער חלום שוין פאַרביי איז, –
– שוואַרצערדישע געזאַנגען, בלאָנדזשענדיקע, וועמען זוכט איר ?
נענטער צו מיר, צו אייער בלאָנדזשענדיקן דיכטער ! . . .

יב.

וואָס פאַר אַ גרויסער טאָג איז היינט ?
ס'הערט זיך גאָר ניט אויף צו וויקלען דאָס געזאַנג
פון מיין פאַרדרייטן ניגון־קנויל . . .
— אָ, פרילינג פון מיין מויל ! . . .

איך בין פון תבה ערשט אַרויס !
מיר חלומט זיך די וועלט —
— אַ קינד,
— אַ קליינס
מיט גרויסע בענקענדיקע אויגן,
מיט אָפּגעדעקטע קני . . .

און ווינגט זיך אין מיר, היינט, דער ערשטער אינדערפרי !

יג.

אויף וועמען וואַרט מען נאָך אין העליש=אויסגעשטראַלטן טעמפּל ?...
שוין וועלדער=גרין, און כמאַרעס יאַלעווע נאָך טוי פון לאַנג גיין;
די הויך — צעלאָזט, צעוואַסערט און צעגאַנגען,
נ׳געחתמעט מיט אַ רויטן ברענענדיקן שטעמפּל . . .

אויף וועמען וואַרט מען נאָך, אויף מיר ? אויף מיין כהנישן אַריין גיין ? . . .
שוין פעלדער—בריסטנדיק, געבלומיקט שוין פון לאַנג דער בערגלדיקער טאָל איז,
אויף בליטן — ווינטלעך שוין פאַרהויבן האָבן פאָלעס
און אומעטום שוין ריזלען גרינע גרעזלשע געזאַנגען . . .

צי דאַרף מען קומען ערשט ? צי מ׳איז זיך שוין צעגאַנגען ?
— איר מענטשן=נעסטעלעך — אויף נאַכט, — פון רו געפאַנגען,
דו, זון, פון דר׳הויך — אויף מיר — אַ פליסנדיקער גלאָק . . .

און דו, אָ, הפקר, אָ, געבושלטער אינמיטן=טאָג,
און איר, פון שטומע וועגן פלאָנטערדע, געזאַנגען,
— אויף וועמען וואַרט מען נאָך, אויף מיר ? אויף מיין כהנישן אַריין גיין ? . . .

יד.

אויסגעצויגן, ווי אויף וואַך, מיך נעמען אויף די ביימערישע זייטן,
אַ שטילע תּפילה — הילעט זיך די ערד צו מיינע טריט . . .

אויף ערשטער ברכה מיינער — וואַרטן אויסגעשווענקטע ווייטן,
אַ ווינטעלע דעם טאָג מיט פריילינגדיקע ביימלען זייט אָן,
די הויכן שוימען גלייך ווי פּאַר אַ שניט
און אומעטום שוין וואַרט מען אויף מיין ליד ! . . .

טו.

פרייען זיך אויף דעכער ראָבן
מיטן אָנקומען פון אָוונט,
פרייען זיך צום נאַכט-פאַל קראָען,
ווי צו זון-אויפגאַנגען — הירשן,
פליען זיי פון טאָג-באַגראָבן . . .
— קראָען, קברס, קראָען דאָוונט —
הערט : מיט אויפגאַנג-שטילע שעהן
גייען אויף איצט — מיר שוין, מיר שוין...

יונגלינגען מיר זיינען שטילע,
אויסגעקוילעטע פאַרנאַכטן,
שטיל פאַרנאַרטע און פאַרפירטע,
וויפל טריט — אַזוי פיל אירע...
— אָוונטן פון בלוט און תפילה,
טריט פון באָרוועס, גענג פון וואַרטן,
— גייען מיר איצט אויף מיט ליכט דאָ,
און מיט אויפגאַנג און מיט שירה ! . . .

צפון

א.

דו, בלינדער ערגעץ,
דו, שטומער עפּעס,
— איר זוכט מיך שוין אויף אויפגאַנג־וועגן,
איר לאָקערט שוין מיין גאַנג אויף אָפּגרונט־ברעגן,

— אָ, גרויסער מיין אַנטקעגן !...

איר, שקיעהס קופּערנע, צעגאָסענע פון קייטן־רינגען,
איר, שטראַלן בלוטיקע פון טאָגס געפּלאַצטן פּענט,
— איר שטרעקט שוין ליפּן אויס צו מיינע בלוטדאָרשטיקע פינגער,
אייך צערטלען ווילט זיך שוין מיינע צעשטערנדיקע הענט...
דו, בלינדער ערגעץ,
דו, שטומער עפּעס,
פון מיינע אויגן אינזלען קרעלענע
פאַרגלויבט, פאַרטרויט כ׳האָב אייערע אומברעגן...
אָ, גרויסער מיין אַנטקעגן !...

ב.

פון שטרויענע דעכלעך צו שנייִקער טײַגע
און אַלץ מיט די איינזאַמע נאָטן
מיט דיינע,
ביינאַכט פון אוקריינע. . .

פון שטרויענע דעכלעך צו שנייִקער טייגע,
אַ גאנצן ביינאַכט אויפן דאַך און אויף שטייגן
און אַלץ מיט געווירעטע נאטן
מיט דיינע,
ביינאַכט פון אוקריינע, —
— אויף ווייסע געבייען
מיט זוימען באַזייטן,
מיט פליענדע דראָטן
אויף שטעט און אויף שטרייטן,
— און שניי — איז אויף שנייען,
און ווייט — איז אויף ווייטן,
און איינער אַליין איבער שטילקייטן וואַך זיין
אויף קרעציקע שטייגן
מיט רעדער מיט שוואַרצע, —
— פון שטרויענע דעכלעך צו שנייִקער טײַגע. . .

און ווינקט סימאַפּאָר ניט פון תּליה אויף כמארע
דער לאַנגער, דער דאַרער
מיט אויגל מיט איינעם
אַ טאָג ניט געשלאָפנס, —
און הויבט ניט קיין ברעם אויף
און לאָזט ניט קיין צפון...

— אָ, פייער אינײנעם אויף שנייען צעלייגן!

אַ תּפילה
א דילע
צו קעלט
און צו שנייען,
פון לעמפּ אין די אויגן,
פון שטאָל אין די פינגער,
אויף שניי=שטילן פעלד...
און טיילן זיך ווינטן מיט בראַנדיקע צינגער,
און לעקן די ווייסע פּאַרווייטע נאָרעס,
און טויב סימאַפּאָר איז,
און הויכן — צעלייטערט,
און שוואַרץ ווערט דער שניי דאָרט,
ווו ס'הענגט זיך אַ תּפילה...

און דערפעלעך שלאָפן
פאַרווייטע,
פאַרשנייטע,
און טוליען צו ערד זיך,
פון שטאָטן אַנטלאָפן...

— אָ, פייער פון מעשענע מענטשישע הערצער, —
צו קיינעם איר וועט אין ביינאַכט ניט דערגייען!...

פון איין סימאָפאָר צו דעם צווייטן
זיך בעטן
דורך דערפער — פאַרטייעט
אויף זוימען ביי בייטן,
וועל איך אַזוי לאַנג גיין
מיט נאַכט און מיט שווייגן,
ביז כ׳וועל דיך דערלאַנגען,
ביז כ׳וועל דיך דערשטייגן
מיט אייגזאַם געווירעטע נאָטן
מיט דיינע,
ביינאַכט פון אוקריינע!...

ג

כ׳וועל קיינעם ניט פרעגן
דעם אויסוועג פון ראָגן
פון דיינע צעבראָכענע ראָנדן
אויף וועגן...

כ׳וועל קיינעם ניט פרעגן,
כ׳וועל קיינעם ניט זאָגן
דעם אויסוועג אויף ווייטן
פון דיין פון צעבלוטיקט=געזוניקטן שאַנד=אָרט,
כ׳וועל קיינעם ניט זאָגן...

וואָס גייט עס מיר אָן דען,
ווער ס׳האָט דיך פאַרפלאָנטערט
און ווען פאַרפלאָנטערט דו האָסט אין פאַרבייגיין?

— אַ הירש אַ פּאַרשייטער
מיט הערנער ווי צווייגן
זיך פּלאָנטערט די וועלט דאָ
אין נעצן צעשטעלטע
מיט טאָרבע פון ברויטן
ביים בראַנדיקן קלעם־מויל
און פרעגט זיך ביים קרעמעל
אויף טויערן רויטע...

אָ, שאַרבנס פון דורות!
— אויף קלויסטערשע שפּיצן
אין הויכן
זיך עצהט,
איר, זוניקע קרייצן,
מיט מעשענע גאָרגלען פון צדקה
אויף וועגן...

וואָס קאָנט איר מיר זאָגן?
וואָס קאָן איך אייך פרעגן?

– איך עפּן דיין שְער=בלאַט
אויף זאָטן פון גרויע
פון שטיינערנע מאַרכן,
אויף וואַכן,
אויף פלאַכן,
אויף טרוימען
פון רוימען, –
– שוין זון אין דער האַנט. האַלט אַ גאָלדענעם זאַנגל
און טייט מיר אויף פערזן פון שטאַנגען,
פון קרוינען...

– אַזוי כ׳וועל דיך איַין=גיין,
– אַזוי כ׳וועל דיך ליינען,

דיין יעדער געביידע – אַן אות פון יעוואַנגל...

און טייט מיר דער בלוטיק=געזוניקטער זאַנגל
אויף בלוטיקע אותיות,
פון פערזן אַרויס זיך געשאָטענע אותיות,
און טייט אויף פּראָצעסיעס פון הייזער, פון הויכן,
וואָס צאַפּלען מיט קעפּ, ווי מיט ליין
פון איקאָנעס,

איך ווייס עס,
איך קאָן עס
מיט שטומע, מיט קאַלטע אומענדלעכע ווענט פיר...

— נאָר קיינעם קיין צייכן,
— נאָר קיינעם קיין ענטפער!...

וואָס גייט עס מיר אָן דען,
ווער ס'האָט דיך פאַרפלאָנטערט
און וועמען פאַרפלאָנטערט דו האָסט אין פאַרבייגיין?

— אַ הירש אַ פֿאַרשייטער
מיט הערנער ווי צווייגן
זיך פּלאָנטערט די וועלט דאָ
אין נעצן צעשטעלטע
מיט טאָרבע פֿון ברויטן
ביים בראַנדיקן קלעם=מויל
און פֿרעגט זיך ביים קרעמעל
אויף טויערן רויטע...

פֿון וועגן
אויף ראָגן.

— כ׳וועל קיינעם ניט פֿרעגן,
כ׳וועל קיינעם ניט זאָגן!...

ד.

מיט רויך אין אויגן, מיט שטאָט אין אָטעם,
דאַרף איך גאָר גרונטעוועגן פון חצות די תהומען,
– דו, פענט פון גאַסן, דו, לויף פון דראָטן, –
אויף מיין זיך לאָזן, – ניט רייצט קיין צוים אָן...

אָ, שעלט מיך ניט פאַר בראָך פון ראָגן,
פאַר האַרבסט פון טאָגן, פאר שוים פון שוועבן...
– וואָס איך וועל אויסרייסן, וואָס כ׳וועל דערטראָגן,
וועל איך דיר ברענגען, וועל איך דיר געבן...

כ׳האָב זיך די הענט פאַרשטאָכן, כ׳האָב זיך די הענט צעבלוטיקט,
האָב איך דאָס בלוט געבראַכט דיר פון הענט פון דולע,
פון מיינע הענט...

מיט רויך אין אויגן, מיט שטאט אין אָטעם, –
צו דיר, אָ, צפון, די הענט איך טוליע
מיט בלוט געשענדט !...

ה.

פאַרבענקט נאָכן פאַרקויפטן אינדערפרי,
זיך דרייט דער טאָג — אַ פרעמדלינג אום
אויף אויסגעמישטע וועגן
און וויינט, ווי נאָך אַן אָפגענומען קעלבעלע — אַ קו...

ער וועט היינט לאַנג נאָך ניט אַוועק גיין,
ער ווייסט ניט ווו...

— מיט ערשטן שטערנדל באַגלייך
צו מיר איז אויפגאַן דיין צעבראָכענע דיין שיף דיין אַלטע
מיט האַרץ
צעברעקלטן פון שטורעמדיקן טראג...

און טאָג
און טאָג — מיט לעצטן קוש דעם אויסגעקנייטשטן שטערן פונם טייך,
האָט זיך נאָך, בענטשנדיק, פאַרהאַלטן...

ער דאַרף נאָך אויפהויבן אַ בלעטל אַ פאַרדאַרטס
פון אַלע זייטעלעך צעפיקט,
מיין שטום — מיין אָפגעריסן האַרץ...
נאָר ס׳יאָגט אים נאָך די נאַכט,
— אַ שוואַרצע מלכה־פיק...

די ווייטן גראָבן שוין אַ גריב,
און גאַסן שלאָגן זיך מיט טריט
און טרויבן טרייבן טויב אָט הער...
— אָ, כאָטש איין רגעדיקן זיפּ,
כאָטש אויסוויינען די ערשטע ליד,
כאָטש זען פון ווייט דעם ערשטן שטערן!..

נאָר שוין אויף שטאָלצן — שאָטנס שטיל גאָך טוי גיין,
און שטילקייט שוואַרצע שרעקן פאַלדעוועט...

אָ, כ'וועל דיך, טאָג, אָ, כ'וועל דיך, טאָג, אין מיינע אויגן
אין מיינע אויגן ב'האַלטן!...

ו.

שוואַרצע קאַרעטעס,
ווי שוואַרצע פויגלען,
קויקלען
זיך צו דיר — די דעמערשע געמישן
אויף פּיקעניש דיינע פאַרדאַרטע
לישייען...

מיט וואָס זאָל איך אַרויסרייסן דעם צונג
פון שקיעה־גלאָק
איך זאָל אַ קללה־קלונג
איבער דיין דעמערונג צעטראָגן?...

מיט וואָס זאָל איך אַראָפּקויקלען אַ דונער אויף דיין לייב,
די שוואַרצע פויגלען כ׳זאָל פאַרטרייבן,
דעם דעמער־איישעריק צעיאָגן?...

ווען טאָג,
ווי הירש דערשאָסענער, זיך הענגט ביי מערב אָן
מיט קניענדיקע הענט...

און דעמערן אים גריזען פינגער אָפּ מיט השך־העק
פון ווילד־פאַרוואַקסענע פון גראָבע מיילער...

ווען מיט פאַרזשאַווערטע מיט געלע פיילן
זויגן זיי דיינע ניט אויסגעציילטע מיילן,
ווי שווערן שלאָפגעטראַנק, ווי אַלטן כמאַרע=ווין,
ווען פרעסן קומען זיי פון דיינע הייזעלעך די אָפגעקילטע קיילן,
– וועל איך מיין ליד אויף וואָג=שאָלן ניט טאַרעווען,
– וועל איך מיין קלאַנג פון האַנט אין האַנט ניט ציילן...

מיין האַרץ, מיין האַרץ פאַרגאַנגען איז אין טראָגן
מיט אַ שוועבל=איישעריק
פון דיינע אויסגעזועצטע אויגן...

כ'וועל אים ניט וואַרעמען,
כ'וועל אים ניט זויגן !...

– פאַר דיר, פאַר איינגעשרימפּענער פון הונגער,
פאַר דיר, פאַר נאַקעטער מיט לעכעריקער העמד פון זאַק,
אַליין מיט זינגענדיקע פינגער,
אַליין מיט רויבערישער האַק
– מיין טראַכט פון לידער איך צעקלעם,
געשענדטע,
– נעם !...

ז.

נאָך יאַטערט זיך דיין אויסגעבראָטן לייב,
נאָך שלעפן שאָטנס זיך אויף שיילן דיך און שינדן?..
און לויערט נאָך אויף דיר אַ וועלפישער פאַרטרייב
פון האַרבסטיק־אָפּגעקראָכענע פון פוילע ווינטן?

שוין שנייען־שעפּסעלעך פּאַר דיר נאָך ווייסער וואָל גיין
און ערגעץ שוין אַ פראָסט אַ מלכותדיקער זויגט
דעם דרימלדיקן דניעפּ און די בורלאַצקע וואָלגע
און זיפּט א ווייסן זאַלב פון אַלע דיינע טייכן...

און ביי דיין יעדן סטויפּטשיקל — אַ האָפענונג צו מיר זיך נויגט,
גלייך ווי אַ דערפעלע אין וועג — אויף דיינע דעמערישע גלייכן...

ח.

הויקערדיק — דיין גרינער ברויט,
גלייך ווי הרוגים אָנגעוואַלגערטע מיט גרינע קאָלדערעס פאַרדעקט...
און פון דיין דאַרנדיקער הויט
מיט אָפּקומעניש שמעקט...

ערגעץביים שלייף פון אַשיק־גרויער טאָרבע־טאָג
זיך בלוטיקט פון דיין גוטן פאַסטוך נאָך די שקיעהדיקע מויל...
— נאָר דיין געלאַטעט לייב — פאַרצערעוועט מיט קלאָג
און רויטער האָניק טראָפּנט אויף דיין שווייגנדיקער הויל...

ט.

די, אויסגעהאָניקטע, אויף טורעם=שפּיץ
פון סדום,
מיט לייב, מיט נאַקעטן, געפּאַסעוועט פון שמיץ!

אין תהום
פון הונגעריקע בינען, —
אויך איך — אַ בין
מיט גיפט אין מויל, האָב איך דיין לייב געריינען...

דיין אויסגעלאָזטער קנעכט,
דיין מערדערישער אונטערטאַן — צופּיסן, —
— און רויטע וואַנזיניקע נעכט
מיט מדבר=תאוה,—האָב איך אויך דיין לייב געביסן...

און שטייער, —
גלייך ווי אַ שפּין
צו דיינע פייערן — האָב איך געטראָגן פייער...

און האָסטו זיך – אַ העלע שרפּהדיקע ליד,
גלייך ווי אַ פּייעריקער באַרג צעבליט
מיט אייביק=שכּורע, מיט זינגענדיקע שנייען...

איצט לאָז דאָס האַרץ
פון וואַנדערדיקן זינגער,
– דאָס ביסעלע געבראַכטס
צו פונקען אויסגעשלאָגענע פון שטאָל און שטיין
מיט דאַרע שטראַלנדיקע פינגער, –

– זאָל אויך – אַ פלאַקער זיין
פאַר וועג פון וועלט...

י.

יאָ־יאָ, מיין קאָפּ געווען אַ מאָל איז — דעם באַרג סיני׳ס...
דעם מדבּרס — מיינע טריט פון אומגיין און פון בלאָנדזשען...
—נאָר ס׳ברענט דער דאָרשט, און ווייט פון שוימען און פון צין איז —
איז מיט מיין שטערנס מזרחדיקער בלאָנד־שיין
דיין טאָג איך זין אויס...

פאַרצערעוועון אין לופטן עפּעס קראָען שוואַרצע...
אַ פעדעמל אַראָפּ, אַרויף און ביי די זייטן פּאָלעס;
יאָ־יאָ, פאַררעטעריש צו גנ׳בט געווען ביינאַכט מיין קול איז...
נאָר פיטערן דיין טאָג פון מיינע הענט אין תּאוהדיקן טאָל לאָז.
אַ טרונק אים אויסשלאָגן וועל איך ביי שטיינער פון מיין האַרצן...

און נייִען זיך צונויף אַליין פון הויך די פּאַרוסינעס:
אָט נאָך איין צוויקעלע ביים הירש־פעליקן מזרח,
אָט נאָך איין אייביקייט, ביז זאָטל זאָטלט זיך אויף בלום די בין אויס
— אין איין אויג — טאָג, אין איינעם איז רויך, —
יאָ־יאָ, מיין קאָפּ געווען אַ מאָל איז דעם באַרג סיני׳ס !..

יא.

איך היט דאָ דיין געקרייצטן קאָפּ
פון הינט, פון ראָבן
און באַגראָבן...

איך גיי ניט אָפּ
קיין טראָט!..

אויף מיינע אויגן שווימען שווער אום
ווערים
און געדערים...

און טאַפּ איך נאָר מיט הענט אָן
מיט געווענדטע
— אַ געשענדטן...

איך טאָר ניט טאָן קיין טראָט...

— גאָט!

פאַר דיין צופיסן — טרעפּ
פון אַלע מיינע קעפּ
לייג איך דאָ אָפּ...
און פליגל קראָעשע דיין הויך מעלייצן...

— אַראָפּ, אַראָפּ,
מיר ווילן נאָך אַמאָל דיך קרייצן!..

יב.

ניט איך די אויסוועגן פֿאַרשטעל דיר,
דאָ וואַקסן נעכט, דאָ בלאָנדזשען וועלדער.
— אַ יונגלינג — שטיל ביי זייט איך גיי מיר,
שוין אַזוי נאָנט זיינען ביימער
און ווייסטו ניט — וואָס נאָך איך וואַרט?..

איך האָב דיך אויסגעטראַכט!

כ׳האָב דיך פֿאַרנאַרט
דורך בלויען אָדערן=געדריי
צו סאַזשעלקעס צו צוויי
פֿון מיין צעאַקערט=זידנדיקן קאָפּ,
— אַראָפּ!..

ג.

... גייען אויף צום רויטן ברונעם שוואַרצע שאָף,
— ת...

שטאט

א.

— באַפעל,
אָ, שטיינעריקער קרייץ,
אָ, אונטער=ערדישער צעריס!

איך דריי זיך אין דיין יעדן טייל
— אַ בלוטיק קויקעלע אַ רייפּס, —
פון דיינע אָדערן צעצווייגטע, ריז!..

באַפעל
זיך אויסלאָדן פון גהינם
דיינע שיפן...

— כ׳בין אויך דאָ, אויף דיין שטורמישער אסיפה!

נאָר קיינעם ניט איך וועל,
און קיינעמס איז ניט מיין פּאַרטראָט!..

איך דריי זיך אום אין יעדן גליד
— אַ ליד —
פון דיינע דראָטנדיקע אַנגלען, שטאָט!..

ב.

געפּאַלמעסטע,
אויף דיינע אָנגעזייפטע ליפּן, — רוים!

— דערצייל:
ווער, שטיינערנער, האָט דיך פאַרטרוימט?
ווער, בלוטיקער, האָט דיך באַפעלט?

אָ, דיינע הימלען גומענע — צעבייס,
דיר טראָגן משוגעים — שפּייז!

געדאַמפּט, פאַרסאָפּעט יאָגן זיך פאַרגוואַלדעוועטע גריבער
איבער פאַרדאַרטע גומענעס פון הונגעריקע גאַסן
אומגעוואָרפענע אין פיבער
אויף די קניען...
און גראָבע גרילצנדיקע פּאַסן
טרייבן דיינע רעדער, טויזנט־קרעפטיקע מאַשין!

אָ, פליגלדיקער ברוק!
— געקרעמפּעוועט זאָלסט זיין מיט וועגן־שטריק
פאַר מיר, —
פאַר מיינע טריט!

אָ, מיט,
פון מיין פאַרבליענדיקן רוים,

דערצייל:
— ווער, שטיינערנער, האָט דיך פאַרטרוימט?
ווער, בלוטיקער, האָט דיך באַפעלט?..

ג.

געפּענטעטע !

אַרויף די קעפּ שטעלט איר זיך איינס אַנטקעגן צווייטן
מיט שויבן פּאַר מיר אויס
אין שטיינערנע שינעלן — שטייף פאַרצויגן
מיט גאָלדענע, מיט שרפהדיקע קנעפּ,
די שאַרבנס אָפּגעגאָלט, באַשיט מיט אַש,
גלייך ווי מיט גרויע ריטערשע פּאַרוקן,
מיט קוימענס איינגעשטעקט, ווי סטענדערס,
און דעמפּט דעם רויך פון מיין „פּאַרביי“,
גלייך ווי פון ציבעק — וואַכיקע ברייט=ביניקע באָיאַרן...

אָ, זיבן=גאָרנדיקער רעש,
אָ, דלאָניעס הוילע טראָטואַרן,
אָ, זיבן=גאָרנדיקע טענדלער, —
„— פּאַר שטיוועליעטן=בענדלעך,
פּאַר שטיוועליעטן=בענדלעך ! —“

ד.

מיט וויפל מיילער, שטאָט, האָסטו זיך אין דער ערד פאַרזויגן ?
מיט וויפל נעגל אָנגעכאַפּט האָסטו זיך פאַר איר שוואַרצן בויך ?
און וויפל דאַרף דיין לעצטער קאָפּ נאָך אין דער הויך ?..

געשפּאַנט, — ווי רייסט איר זיך, אָ, זיבן־האָרביקע ווערבליודן ?
מיט פּעק מיט קלומעקעס געלאָדן,
די גאָרגלען האַלב־לבנהדיק געבויגן,
געשניצטע פּנימער פאַרהויבן,
מיט בענקעניש נאָך מדבר אין די אויגן...
ווי שלעפּט איר — ערד — די שוואַרצע פּאַס
מיט ביינער און מיט פּגרים...

— אַ בייטש אין פּיס דיר ? — נאָך אַ גאַס ?..
— אַ קויל אין קאָפּ דיר ? — נאָך אַ גאָרן ?..

ה.

אינמיטן פלאַץ געוועלט,
פון דיר — אָ, שטיינערנער המון,
אין דר׳הויך,
ווי אויף באַלעמערישע בריקן, —
— טענהט זיך, קלויסטערס, אויס
מיט שוואַרצע קוימענס פון פאַבריקן!..

מיט קרוינען אויף די קעפ,
מיט גלעקער אויף די הערצער, —
— ציילט אויס, איר קלויסטערס, טרעפ,
דערציילט,
באַפעלט
אויף אייער מעשן לשון — שווערט זיך!

און איר, אָ, שוואַרצע נעגערן מיט פאַטלעס דרויעט,
— טויט!..

און גיי איך אויף אַ דאַך,
איז אויף מיין קאָפ אַ גרונט,
און ברענט דער שטיינעריקער בונט
פון דיין געפלאַצטער שטיינעריקער שפראַך!..

ו.

די לאַנגע שוואַרצע שטריק:
— „האַלב זעקס“.
דו, רויכעריקער מולאַ,
מיט ליפּן שוואַרצע, ווי אפּצווענגעס,
אָפּגעלעקט דעם נעבל אויף די שילדן פון געבעקס
און אויסגעהויכט צוריק
פון הייזער די שפּאַקולן.

— אין שלינגען דיינעם ווילד — אַ מעָנגע נאָך אַ מעָנגע,
האָסטו שוין אויך
דערשפּירט דעם רויך
פון מיינע פּיס,
אָ. הונדערט־זויפנדיקער, מלכותדיקער ריז!

— איך טרינק פאַר דיר דעם ערשטן גרילץ פון ליידיקן טראַמוויי
מיט גאַנצן טאָג אין בליק
פון איין עק ביזן צווייטן ווייט
ביי פענסטער אָפּגעגאָסענע אין אויפגאַנג־רענדלעך:

„— פאַר שטיוועליעטן־בענדלעך,
פאַר שטיוועליעטן־בענדלעך! —“

ז.

„— אַ לעצטע נאַכטישע דעפּעש“ —
גיט דיין בייטאָג אַ בראָך
דער דולער הונדערט־גאָרגלשער געשריי
פון קינדערשן המון...

צעכראַסטעט, אויסגעשמירט, ווי פּרעש,
יאָגן זיי איינס דעם צווייטן נאָך
און פליוסקען איינס דעם אַנדערן אין מויל געשרייען:

„— אַ לעצטע נאַכטישע דעפּעש“ —
פון גאַס אויף גאַס
באַפעלעריש מיט כּעס
מיט משוגעת
גאָרגלען פאַרקילטע העלזער פון די גאַסן אויס,

— און רייסן שטיינער זי פון מויל ביי זיי אַרויס...

די ווייטן מינערן זיך, בלויען
און ערגעץ שוין, אַ קניילעכל צעדעמפטער רויך,
שווימט די דעפּעש אַרום פאַרטריבן אין דער הויך!..

נאָר דול, פאַרטראָגן זיינען קעפּ,
וואָס שיטן זיך צעבּרעקלט, ווי פון טרעפּ,
אין לויפּעניש פאַרטאָן,
— און ס׳גייט פון לאַנג שוין קיינעם גאָרניט אָן!

ח.

צום שר פון חשך — אויסגעשטעלט, ווי טרעפּ,
— אָ, דוכנט, מויערשע קעפּ,
מיט הענט פון טויזנט־פליגלדיקע מילן! . .

ווי סאָוועס — רוקן נאַכטלינגען אַרויס זיך שטיל
אויף אָוונטיקן רוף פונם געזאַלבטן ראָג,
זיי רעכטן פייערלעך דאָרט אָפּ שוין די עליה פונם טאָג. . .

— ביינאַכט.
אָ, מחנות שטיינערנע מרגלים,
איר גייט דאָ אויף
מיט פאַרצעלייענע לבנות בליצנדיק פון שטאַנגען
זיך וועגן אויסקוקן אויף אַלע זייטן וועלט ? ! .

פון וואַנען, שטאָט ?
פון וואַנען, שטיינערנע גבורים ?
פון וואָסערע מצרימס גייט איר איצט
אַרויס באַפרייט

מיט גלעזערדיקע בליצן, אָפּגערויבט ביי הויכן,
מיט זיילן זינגענדיקע רויכן,
מיט שראַמען אין די טריט געקריצט,
מיט אויגן — האָרנס און מיט בלוט פון בליען,
— ווהין ?

אויף וואָסערע פאַרוועטע בערג
רייסט איר עקשנותדיקע קעפּ
און האקט זיך אין דער לופטן טרעפּ
— אַ גאָרן אויף אַ גאָרן?

ווּ טראָגט איר אייער רויב?
אויף וואָסערע געהיימע מערק?
צו וועלכן שלאַק=אָרט
— האַנט ביי האַנט
טראָגט איר אויף וואַנט — אַ וואַנט?..

וואָסער ניט אויסגעטראַכט נאָך לאַנד
האָט איר דאָ שטיינעריש באַלאַגערט?..

אָ, שטיינערנע חילות,
פון וועמעס בלוט געשריבן אייער פּאַן איז?
אויף וועמען שאַרפט איר אייער בלוט=דאָרשטיקן שטאָל אויס?
נ׳צו וועלכן הערשער טראָגט איר דאָ מתנות?..

— כ׳האָב מיינע טריט פאַרשניצט אויף אייער גאַנג,
אויף וועגן אייערע — כ׳האָב זיך אין בלוט צעריבן,
— און וואַרטן ווײַט אויף פאַרגאַנג
— נאָר אויגן שפּיגלען אויף באַגינען...

ט.

שקלאַפן!
אין הייסער נעץ פון שווינדלדיקע שטריק, —
ערגעץ איין האַנט מיינע האָט אָנגעכאַפּט אַ ווימלדיקן האַפן,
די צווייטע אַ לבנהדיקן בריק,
און האַרץ — די זון — גלייך ווי אַ אָדלער מיט די נעגל...

נאָר אויף די שטאָלענע אויף מיינע בריסט
— איין וועג — דעם אַנדערן — אַנטקעגן!..

קנעכט!
אויף הוילע ווינט=מילן פון אָטעמען פון מיינע
מיט שטיינער טענהן
שטיל
פאַרברענטע טלאָ פון אויסגעגליטשטע נעכט..!

נאָר האַמער=גלאָק פון אויסגעשמידטער ליד
וויגט זיך אין שיינען
פון מיין מויל...

און יעדער קוש — צעגליט
פון לייב פון מיינעם
— אַ באַפעל!..

2

שיידונג

איבער בּרייטן, איבער לענגען,
נאָך איין ווינט מיט דיר פֿאַרבּרענגען,
ליבּער קעמל, טריבּער קעמל
פון אַנמולדדיקע נעכט...
— אָ, מיין ליידנדיקער קעמל
איך וועל בּענקען, — נו, אַז בּענקען ?
צריק — וועסט פראַנק און פריי אַליין גיין,
— קערסט מיר מער ניט אָן קיין קנעכט !.

אויף דיין הויקער, ליבּער קעמל,
ענגען מיינע פיס, ווי ריטער,
נאָר זיי פלאָנטערן די טריט דיר : —
דאָ אַ פינפטע, דאָ אַ דריטע...
אָ, מיין ערלעך=ליבּער קעמל,
ניט קיין וואַסער, ניט קיין זעמל,
— ווייסט ער וויפל נאָך מיר לאַנג גיין ?..
אונז פארפירן, ליבּער קעמל,
דיינע טלאָישע געזאַנגען...

אונז פאַרפירן, ליבער קעמל,
דיינע טלאָישע געזאַנגען
און די ווייס=פאַרשנייטע גראָבנס,
און די היץ פון בערגן=לייבער . . .
– דאָרט וועל איך מיין יאָך באַגראָבן
און אַליין שוין דאָרטן בלייבן . . .
אָ, מיין קעמל! נאך אַ ביסל
כ'זויל מיט דיר אין וועג פאַרברענגען,
– גלייך מיט דיר, כ'וועל גיין צופוסן,
נאך דיין קעמל=רו איך גאַר . . .
צריק – וועסט פראַנק און פריי אַליין גיין,
– כ'קער דיר מער ניט אָן קיין האַר!..

* *
*

כ'זועל זיך אין אַ ווינט פאַרליבן
אין אַ ווייסער זאַווערוכע
אויפן שוימען=שפיץ פון עלנד . . .

אָט פון אירע הייסע ליפּן
כ׳לויף מיט שוימענדיקע שניילעך,
ווי אַ בלעטעלע פון לוחן
און פון אייביקייט זיך שייל איך
און איך בעט זיך: — מיר אַנטקעגן!
און באַגעגנט,
און צעגאַנגען...

. . . .

אָט פון אירע וויַינען־ליפּן
כ׳פלי — אַ קוש אין ווייסע פליגל,
ווי אַ שנייעלע פון וויגל
און מיט שניי־שטילע געזאַנגען
כ׳ריר אַ דרעמלדיקע זאַנג אָן...
— אָ, פיל גאַנג איז אונז פאַרבליבן?..
כ׳וועל זיך אין אַ ווינט פאַרליבן,
אין אַ הייסער זאווערוכע
אויף שוימען־שפּיץ פון עלנד...

אָ, מיין ליידנדיקער קעמל,
כ׳וויל איין מאָל מיט דיר פאַרזוכן
פונם שוימענדיקן שניי דאָ,
— נאָר פאַרזוכן
נ׳זיך צעשיידן...

* *
*

ליבער קעמל, אָט אַ קוואַל איז...
גליקלעך=איינזאַם שטיל ער גיסט דאָרט
שוימען כמאַרעס, שוימען כוואַליעס,
גרוי זיין קאָפּ איז, ווי אויף האָר — אַש,
זינגט ער, זינגט דאָרט, ווי אַ פרוש,
ווי אַ פרוש אין אַ וויסטע...
אָ, צו הייסער זאַמד געוויינטער,
אָ, פאַרשטיינטער,
— בענקסט נאָך שווייעס ? נאַ דיר טויען,
בענקסט נאָך מדבר ? זיינען — זונען, —
אָך הייל אין דאַנ ר׳הויך, — ניט פאַל!.

באַלד – צוריק, – וועסטו אַליין זיין...
זע, ווי איינזאַם
פליסטערט,
טרויערט,
זינגט פאַר קיינעם ניט דער קוואַל...
– אָ, וואָס זינגסטו, קוואַל פון דורות,
זאָג מיר, קוואַל, וואָס דיין באַגער איז ? –

. . . .

„– גאָרניט וואַג איך, גייערס, גערן, –
כוויל איין זאַך נאָר:–ניט פאַרפרערן!...“

* * *

זון פון זאַמדן, זע פיר זייטן,
– קאָנסט זיך אַלע פיר זיי נעמען !
אונטער=וועג פאַרשיט מיט צייטן, –
כ׳האָב דיך ליב, געטרייער קעמל !..
באַלד – זיך וועלן מיר צעשיידן,
איך און דו – מיין קעמל – ביידן !..

אָ, מיין אויפגאַנגדיקער קעמל,
בענטשן וועלן אונז די וועגן,
זיין די וויטן וועלן עדות,
אָ, מיין ליבער טריבער קעמל,
ווי דער טאָג — די צייט מיר גייט אויס. . .
— זע אַ וואַלד דאָרט, ווי אַ רעגן,
אויסגעגאָסן ווייסע קוואַלן —
ווייסע ווינדעלעך צעפליקטע. . .
— זאָגט מיר, עדותדיקע וויטן: —
אָ, ווער שלאָפט דאָ? אָ, ווער ליגט דאָ?

. . . .

טויט דאָ אין דער ווייסער וויסטע
ליגט אַ וואַלד פאַרברענטע פרילינגס
און א וויִס־געוועש־פאַרהילינג,
ווי אין שניי — אַ באַרגן־קייט. . .

אויפגעהאָנגעָן אין די ווייטן,
אויפן גרויסן לוח פון צייטן
יעדער פרילינג — מיט זיין שליסל
אויף צו קומען און זיך בייטן, —
האָבן זיי די גרינגע פיס זיך
צעפגעסמאָליעט גלייך ווי בלומען, —
גלייך ווי פליטערלעך פון פינע
ביי די צונגען פון באַגינען...
גלייך ווי ערשטע צאַרטע בלומען
אומגעקומען
יונגערהייט...

— אָ, זיי וועלן שוין ניט קומען!..

. . . .

דאָ אויף ווינטיש־ווילדער וויסטע
איבער זיי, ווי אויף אַ מיסט־וויג,
פליגלט אויף — אַ קינד אין קייט!..

* * *

...— אָ, מיך שרעקט דיין שווייגן, קעמל,
זוויינט דאָס קינד... אויף דיר נאָר בליקט עס...
— לאָז איך דיך ניט, קעמל, פריי דען?..
טראָג דאָס קינד פון קייט אין טעמפל,
טראָג דאָס קינד אין בית־המקדש,
טראָג דאָס קינד אין לאַנד פון ווייטן...
נאָר, מיין שווייגנדיקער קעמל,
נאָר, איין ברכה זאָלסטו האָבן,
איין באַגער זאָלסטו באַגערן:
— פליסטערן — און ניט פאַרפרערן...

איך אויף הויכן — עלנד־פריי בין,
דאָ וועל איך מיין יאָך באַגראָבן,
און אַליין איך וועל דאָ בלייבן...

כ׳וועל זיך אין אַ ווינט פֿאַרליבן,
אין אַ ווייסער זאַווערוכע
אויפֿן שוימען=שפּיץ פֿון עלנד...

אָ, מיין אומרויִקער קעמל,
כ׳שרעק זיך שוין מיט דיר פֿאַרבּרענגען...

פֿאַר אָנמולדדיקע נעכטן
נעם מיט ווינדעלעך צעפּליקטע,
נעם דאָס קינד פֿון קייט דיר — שכר...

ליבּער קעמל, לאַנד פֿון וויַיטן,
— הויקערס האָריקע פֿון טאָלן,
בּלוטיק=וואַרעם און געשוואָלן
הענט צו ווייסער מדבר דעמפּן,
טראָג דאָס קינד אין בּית=המקדש,
טראָג דאָס קינד פֿון קייט אין טעמפּל.

טראָג דאָס קינד אין לאַנד פון טאָלן,
נאָר די הויכן, קעמל, גאַר . . .

איבער בּרייטן, איבער לענגען,
— זיי געבּענטשט מיט פריי אַליין גיין, —
קערסט מיר מער שוין ניט קיין קנעכט אָן
כ׳קער דיר מער ניט אָן קיין האַר ! . .

* * *

ביים וואַנט

א.

פון דיין צעזעגן מויל, — ביים גאָלדענעם צעשניט,
פאַרשפּרעכונגען איך לייען פון לאַנג, פון לאַנג אָן ; —
אָ, זייטן גאָלדענע מיש איך פון דיינע ברעם די זאַנגען,
— מיין תּפילה — דיינע הענט פאַרנעמען — דיינע טריט...

און וואָס איז מיר, אַז וואַלד אין דיינע אויגן בליט...
איך שרעק זיך עפּעס אַלץ אין אים אַריין גיין...
פון דיינע פינגער — שלאָגן קוואַלן לויטערע געזאַנגען,
נ׳ביי דיינע בענקענדיקע פיס — אין אָוונט טרינקט מיין ליד...

פאַרנעם ! מיט צוגעשמידטן פעלז צו דולע אַקסל,
— מיט אָפּגערויבטער ליכט — איך פריי פון זון צו זון גיי...
איצט, בליצנדיק, אויף דיר מיין רויבערישע האַק איך שלייף !

די אויגן — מערן זיך, די וייטן — וואַקסן,
— אָ, אונטערצינדערס־שטערן — אויף מיין זינגען ;
אָ, ווינטן פליגלדיקע — אויף מיין פייף !..

ב.

— שוואַרצן זיך אויף מיינע הענט — די וואַסערדיקע הויכן,
און וואָלקנס אויף מיין קאָפּ, ווי קלויבערס אויסגעסמאָקעט, דאַר גיין...
— נו, וויפל, וויפל קעפּ צו דיר איז פון מיין בלוטדאָרשטיקן בויך אָן,
און וויפל נעגל דאַרף איך נאָך — דיך פאַרן האַלז דערוואַרגן?..

איך הויב פאַר דיינע פיס אַ גבורישן וואַלד פון מיינע פינגער,
פון תּפילות שטערנדיקע — כ׳שנייד פאַר דיר אַ ערשטן שניט,
צו דיר פון מיינע אייזעריקע ציין — דאָס גרוילנדיקע זינגען!..
— וואָס הייצן גהינומס—דיינע אויגן זיך פאַר מיין געבראַכטס?
וואָס טריטן דיינע טריט
מיין מי מיין פרידנדיקן — אָפּ?

— נאַ דיר מיין מאַמעס האַרץ,
נאַ דיר מיין ברודערס קאָפּ!..

ג.

מיט וויפל גיי איך צו דיר וועגן ?
מיט וויפל קוק איך אויס דיך אויגן ?
— נאָר ווייטקייט וועגישע — כ׳באַגעגן,
און מיינע טריט — נאָר זאַמדן זויגן !..

און וויקלען זיך פון מיר — די וועגן...
געניטע קוקן זיי מיך שטום אָן;
כ׳וועל, וועגן, קיינמאָל אייך ניט פרעגן,
און קיינמאָל כ׳וועל צו דיר ניט קומען !..

ס׳קאָן זיין — איך דאַרף דיך ניט געפינען,
ס׳קאָן זיין — איך בין דיך שוין פאַרביי גאַן..
— נאָר אויגן — נעבלען, ווייטן — פינען,
נאָר ווייטן — צריק, און וועגן שווייגן !..

ד.

— משוגעת,
דיר חלומען זיך — מיינע אויגן:
צוויי ברענענדיקע שיפן,
אָנגעצונדענע מיט טאָג פון בלאָנדזשען...

— אַ וואַלד דיר אויסהאַקן פון רעכטן אויג?
דיר אויסגראָבן פון לינקן — דעם אררט?

— משוגעת,
דיר חלומען זיך מיינע אַפּלען:
צוויי שוואַרצע קוילן־גראָבער,
טרענקענדיקע זיך אין האַרץ פון זונען...

— אין מטה־ראָק אין שוואַרצן איינוויקלען דיך, וועלט?
דיר אָנטאָן ווייסע שטראַלנדיקע וועש?

װער קאָן זיך גלײַכן דען מיט מיר ?

כ׳קאָן האַמערן מיט װיעס,
כ׳קאָן װאַרגן מיט די פֿינגער,
איך בין אַ זינגער,
אַ אונטערטאַן דער גאַס —
איך בין דײַן חלום,
— משוגעת !..

ה.

איך דראַפּע זיך צו דיר דורך ווייסע ווענט
פון לאַכנדיקן חלף...
מיט אויסגעפּליקטע אויגן אין די הענט,
ווי מזרחעס, אַרויסגענומענע פון האָרן...

— איין שפּאַרע עפּן — פון דיין כמאַרעדיקן זאַל אויף
צו שחרית פון פרימאָרגנדיקן האָרן.

קאיארן יונגע — ווינט פון מיין געזאַנג צעבלאָזט!

דיין אָטעם — פראָסט?
דיין שטערן — מעש?
— פּאַרלעש!..

ו

איך ווייס: מיר עפענען — ניטאָ איז ווער,
געוואַנטן־שוואַרצע ווייטן — זיינען לער...
— און דאָך, איך קלאַפּ אין פענסטער ביי דיר, נאַכט,
און וואַרט!..

איך ווייס: מיין בלאָנדזשען ענדיקט זיך אין ערגעץ ניט,
פאַרקניפּט דער אָנהויב און דער סוף—אין מיינע טריט..
— און דאָך, מיט בלינדע שטעך איך שטיקעווע דיך, אַלט געניי,
און גיי...

און ווייס איך: ענטפערן מיר קיינער איז ניטאָ,
אַליין כ'בין ערגעץ ווייט, אַליין כ'בין ערגעץ דאָ...
— און דאָך, אין שטילקייט עקביער איך אויערן דיר, וועג,
און פרעג...

ז.

כ׳וועל ביזן טויער...
כ׳וועל ביז דער טיר...;
— איך וועל ניט אויפוועקן די טיר!..

אין יעדער שפּרינקעלע פון מיר:
ביי בלינדע פינגער אונטער נעגל,
טיף אין מיין אויסגעגראָבן האַרץ,
אין האַלבן טאָג פון מיינע אויגן,
אין שוואַרצער נאַכט פון זייער קוקן, —
מיט לאַנגער קייט
אויף דיין געלעגער,
ווי אַ געליבטע האַלזסט מיך, טויט...

אָ, גיי ניט נאָך מיר, גיי ניט, טויט!..

מיך רופן ציגן, ווייסע ציגן,
זיך אומקערן כ׳וועל צו דער צייט, —
צום ערשטן פּאָכער פון דיין פליגל...

—וואָס איז פאַר קינד, פאַר קינד—אַ קייט?
פאַר קינד
– אַ אָפּגעצווימטער קרייז?..

און לויף איך, לויף איך – ווייט
אַריבערקוליקלען זיך דעם פּלייט...

פון רעכטס – איז בלויז,
פון לינקס – איז ווינט,
פאָרויס איז – פרייהייט!..

. . . .
אָ, גיי ניט נאָך מיר, גיי ניט, טויט!..

מיך רופן ציגן, ווייסע ציגן,
— זיך אומקערן – כ'וועל צו דער צייט,
צום ערשטן פּאָכער פון דיין פליגל!..

ה.

אין זאַמד אין זוניקן פאַרזייט,
ווי אויף צעקנייטשטע זויבעריקע לײַנען, —
מיר בריען
דײַנע קאַלטע אָפּגעדעקטע קניען,
— טויט,
מיר פינטלען אַפּלען פון דײַן ברוסט,
זיך ציען מײַלער דאָרשטיקע פון לײַב פון דײַנעם
אויף אויסמאָקען מײַן אומרויקע פרייד...

ט.

כ׳בין חבר מיט דיר, טויט,
כ׳האָב דיר אַ אָרט געשענקט אין מיינע אויגן,
כ׳האָב אין מיין האַרץ
דיר אַ געלעגער אויסגעבעט, –
און – גאָרניט, טויט, ביי דיר איך בעט!..

י.

מיר ווייסן ביידע,
מיר ווייסן ביידע,
פון שוואַרצע קראַנען,
וואָס רעגנען רגעס...
און קאָנען אַלץ זיך ניט דערמאַנען,
ווו דער וועג איז,
ווו מע גייט דאָ...

מיר ווייסן ביידע,
מיר ווייסן ביידע,
אַז טאָג שמירט אָן זיך לייב מיט איילן...
און קומט נאָך אַלץ ניט זעל צו זעל אָן,
— און קאָנען אַלץ זיך ניט צעשיידן...

און שאַרפסטו חלף אָן מיין מויל אָן,
און פּאַלסט אויף מיר — א שכור=שניי דאָ,
דאָ רופן אונז פון בערג די הוילן,
— צו דער עקידה...

. . . .

מיר ווייסן ביידע...

און אָט איז האָלץ, און אָט איז קוילן,
נאָר לעמעלע נאָך ניט איך זע דאָ...

מירן זיך קיינמאָל, ניט דערציילן!..
און ווייסטו ועמעס איז געשריי דאָ?..
— מיר ווייסן ביידע,
מיר ווייסן ביידע!..

יא.

— אין שוואַרצער נאַכט פון דיינע אויגן
שווים איך אַרום,
גלייך ווי נ׳אַ תּיבה...

קאַיאָרן וויפל גאָלדענע האָב איך צעלאָזט,
ווי יונגע לויפנדיקע הירשן?..

און וויפל טויבן־טעג,
גלייך ווי לאַמטערנעס אָנגעצונדענע,
האָב איך צעשיקט?..

קום ניט, טויבן־טאָג, צו מיר שוין
מיט אַ בלאַט אין מויל...
— קום הויל!..

מיין תּיבה — נ׳שוואַרצער נאַכט פון דיינע אויגן
אָטאָ דאָ רוט,
— איך זוך ניט קיין אררט!..

טשאטערדאג

מיט טריט מיט צייכנדיקע, טשאַטערדאַג, פון אומוועגן געוועלט,
גענען איך צו דעם זוים פון דיין געלאָטעט־כמאַרעדיקן מאַנטל;
— אָ, פּרוש שטיינערנער, באַוואַקסענער מיט מאַנדלען,
וואָסערע שטיינעריקע בשורות וואַרטסטו פון עק־וועלט?..

באַוויליקטער פון שטורם, אויף טענות מיט דער זון געשוועלט,
אַרויפגעלייגט אויף דיר דער הימל ברכהדיק, ווי אויף אַ בכור איז;
— צעביילטער טשאַטערדאַג, מיט קאָפּ פאַרטרויט די זוניקע מדבריות,
האָסט נאָך ניט אויסגעציילט דאָס בלויע שטערנדיקע פעלד?..

וואָס זעסטו, טשאַטערדאַג, אין די צעוויקלט־ווייטע בלויע רוימען?
וואָס לייענסטו אין דר'הויך אין די צעשטערנטע מגילות?
איך גיי צו דיר איצט, שטערן־זייער, אויף פאַרשכורט פון אַ זונענדיקן שלאָג;

מיין תבה שטעל איך ניט אויף דיר, מיין תבה כ'האָב פאַרלאָזט פון בענקעניש און טרוימען,
נאָר רויק זיינען דיינע קני, דיין רוקן אַזוי טרוימעריש און שטיל איז, —
איך וועל זיך דאָ מיט שטילקייט אָנטרונקען פון דיינע אַקסל, טשאַטערדאַג!..

אויף קניען האַלט אַ באַרג „אַלושטע״ — דיר אַנטקעגן אויף די הענט,
דיר אַ מתּנה צוגעשיקט פון ווייט האָט דיין אַן אונטערטעניקע מדינה ;
מיט ווייַנגערטנער מיט צייטיקע און מיט פאַרפלאַנצטע טאָלן גרינע, —
— דו ווילסט אים, טשאַטערדאַג, ניט אויפנעמען ? דו האָסט אים ניט דערקענט ? . .

פון איין זייט מיט אַ קאָפּ אַן אָפּגעגאָלטן — דער מעטשעט,
פון צווייטער — שטיבלעך־שפּילקעס אין זיין לייב אַריינגעשטאָכן,
דער מולא שרייט און רופט, און גאָרגלט מיט געבעט
אַ גאַנצע נאַכט אויף דר׳ערד מיט אויסגעדרייטע קנאָכן. . .

כ׳גיי אויך צו דיר מיט גרינע לעכס, מיט שטאַלטנע קיפּאַריסן,
מיט אָדערן־געדרייטע סטעזשקעס און מיט טשערעדעס באַפּאַרבטע שאָף,
— דו הערסט ניט, טשאַטערדאַג, דו שלאָפסט ? . .

מיט הייזלעך טאָטערשע פאַרדעקט איז דיין געשוואָלענער צעפּיסן
און ווערלדלעך גנבענען זיך, ווי ציגיינערס, שטיל, מיט שוואַרצע בערד פון לאַק,
און איך, דיין אומרו טרינק, דיין שטיינעריקן, טשאַטערדאַג ! . .

און ווי זאָל שוואַרצער ים זיין שיינענדיקע ליסקע פון פאַרטאָג אַ הין טאָן?
און ווען ווייזן זאָל ער זון, צעברעקלט אויף זיין בלויען בויך?
און טרייבט ער כוואַליעס, טשאַטערדאַג, צו דיר, ווי העליש ברענענדיקע אינדן,
און שיקט דיר מיט געזאַנג דעם שוים דעם גאָלדענעם, צעברעקלט אין דער הויך!..

און ווען, טשאַטערדאַג, זאָלסטו פאַרנאַכט דיין קאָפּ דיין גאָלדענעם באַווייזן?
דיין קרוין פון רויטן הירש, וואָס זון האָט דיר אויף קאָפּ אַרויפגעלייגט?
איך זע דיך וואַקסנדיק פון ווילדע וואַסערן פון גרויע-גרייזן,
איך זע דיך וויגן זיך אין שויסן טויזנטער פון בריסטן ימישע פאַרזויגט...

און ברודערש איינגעטיילט האָסטו זיך מיטן ים
מיט אוצרות גאָלדענע פון זון, מיט בליצן שיינענדיקע שאָף,
און מיט איר העליש-רויטן זויגנדיקן פלאַם;

אַ באָרפיסע מיט גאָלדן-יונגע טריט אין בלענדעלעך אַ פּאַק
פון ווייטן ימישע גייט זון אַ ברענענדיקע אויף;
און הויל, נאָך יונגער זי פאַרגייט ביי דיר צוקאָפּן, טשאַטערדאַג...

אויף דיינע שטיינדעלעך געטאָקטע, אויסגעקאָכט אין שוים,
ניט־ריר׳עוודיקע לייבער ברוינען זיך און בראָטן
— אַ זשמעניע אויסגעשמירטע שטיקער ליים
האָסטו דעם ים אַ וואָרף געטאָן און זיי אויף ברעקעלעך צעשאָטן . . .

פאַרשמירטע פיס, פאַרשטאָכענע אין זאָט פון שניי,
ביז האַלב די בריסט אין בלאָטע איינגעטונקענע ;
און ליגן זיי ביי דיר צופיסן, טשאַטערדאַג, גלייך ווי דערטרונקענע,
אַרויסגעשליידערט וואָס דער ים פון זיך האָט צריק מיט כעס און מיט געשריי...

מיט פאַנצערס זילבערנע זיך קויקלען כוואַליעס, פרעגנדיק צו דיר דעם וועג,
אויף רעדער שפיגלענע, מיט פּאָמפּעס שוים,
מיט שפריצן גלעזערנע, ווי אויף אַ הייסן שלאַק !

כ׳בין אין דער מיט פון ווילדן שטורמישן געשלעג
— פון גאָרער וועלט דער שענסטער טרוים, —
וואָס דו אַ וואָרף געטאָן דעם ים האָסט, שטומער טשאַטערדאַג...

אויסגעפּאַנצערט ים מיט שוואַרצער נאַכט, מיט גראָבן שטאָל איז,
אויסגעשטעלט אין רייען—איינס נעם צווייטן—קייטן שוואַרצע כוואַליעס,
— „פּאָרויס“ — אויף האָרנס האָבן ווינטן לויפנדיק געטאָן אַ שאַל אויס,
— אַרויסגעשיקט אויף דיר האָט שוואַרצער ים זיינע געטרייע נאַכטישע חילות...

פון פאָרנט — בערד צעפּאַטלטע מיט בריסטן אויפגעכראַסטעטע פון זקנים=משוגעים,
מיט ליפּן אויפגעריסענע, מיט ווייסע ציין, מיט אויסגעקרומטע שאַרפע נעגל;
פון אונטן — בערג קרישטאָלענע מען קויקלט קיילעכיקע דיר אַנטקעגן
און גאַנצערהייט אין בויך אין שטיינעריקן שליידערט מען זיי דיר אַזוי אום...

און זיצסטו, טשאַטערדאַג, אַ שוואַרצער גייסט, אין פינסטערניש פאַרזויגן,
די ליפּן שטיינערנע — פאַרנייט, מיט שוואַרצן טויבעניש אין מויל פאַרביסן,
און צייל'סט אין טויבן=קאָפּ ביי זיך דעם פּיילן=פאַלנדיקן קנאַק,

דו גלויבסט דיינע געפּרוּווטע קני, וואָס קאָנען זיך פאַר קיינעם אין דער וועלט ניט בויגן,
און זעסטו ניט, ווי ס'ברעקלען בערג זיך מיט געשריי ביי דיר צופיסן, —
— דו שמעקסט דיין ווילדן שונא אויס אויף שוואַרצע אומרויִקע מיילן, טשאַטערדאַג!..

צעריסן ים אויף זיך האָט זיינע בלויע זיידענע געוועבסן,
ווי טראָלדן אנגעפליקטע זיי צעשליידערט ווילד מיט כעס און מיט געשריי;
אַ שוים פון מויל אַרויסגעשטראַלט, ווי קוואַלן טויזנטער פון שניי,
נ׳אָ טרייב געטאָן צו דיר פון טיפענישן ווייסע שוימענדיקע שעפסן!..

פון ווייטן לויפן קיטן אום מיט גאַנצע פעלזן אויף די נעזער,
און לייבן פליגלדיקע רייסן, טשאַטערדאַג, דיינע פארברוינטע ליטקעס מיט די ציין;
אַרום – באַפעלן גיט אַרויס דער שוואַרצער ים אַליין מיט זיין מלחמהדיקער שוואַרצער קרוין, –
און אַלע מאָל רייסט ער אין זיין מדינה נייע טורמס אויף מיט נייע שלעסער...

און אַלע מאָל צעשליסט ער נייע אָפּגרונטן, צעעפנט נייע טיפן,
זיין אָטעם טרייבט דורך טויזנטער צעפליקטע ווינטן
און קוילט אויף שטערנס כוואַלישע מיט שטורם – וואוילן גאַנצע צו דיר צו;

אויף ווייטן שוימען זעגלען אום, – פון לאַנג דערטרונקענע נאָך שיפן,
דערשטיקטע קעפּ פון אָפּגרונט אויפגעטראָגענעם, ניט־ווויסנדיק זיך ווו אַ הינטאָך,
און וויל ניט אויפשטאַנד טראַכטן פון קיין ברעג, און וויל ניט ים־האַרץ וויסן פון קיין רו...

און אויסגערעדט האָט שוואַרצער ים זיין שרפהדיק=צעשטורעמט האַרץ, זיין ווילדן צאָרן,
צעברעקלטע אויף ווייסן שטויב — ער איינגעשלונגען זיינע טענות האָט צוריק;
אויף זיי צעלייגט האָט ער פון שיין אַ ברענענדיקן לאַנגן בריק
און זיך מיט שטילקייט וויגנדיק צעקושט, אַרומגעאָרמט זיך מיט בלויע קלאָרן...

און טשייקעס זילבערנע, ווי פעדערלעך פון בושעליעס אַרויסגעפליקטע,
זיך דרייען אויף זיין אויסגעלוסקעט לייב מיט באַנוולען גאָלדענע אין מויל;
צעקניפן אויף זיין איינגעשטילטער ברוסט פון שיין אַ ברענענדיקן קנויל,
ווי אויף אַ ברענענדיקן א־נזל פון דער ווייט פאַרשיקטע...

און שטילער, שטילער איז דער ים, ווי אַלע מאָל, ווי נאָך אַ גרויסער קריג,
ער זינקט אין אָוונט=לאַנד פון בענקשאַפט, ווי געפּענטעט,
און הוסט אַ כוואַליע נאָך אַרויס, — אַ פויסט אַ גלעזערנעם פון מיטן וועג;

צעברעקלט זיך אויף ציטערניש דער גאָלדענער דער לאַנגער בריק,
ער האָט זיין גרויסע קריג מיט קיינעם אין דער וועלט נאָך ניט פאַרענדיקט,
און נעמט אים, טשאַטערדאַג, מיט אָפּקלאַנג אויף דיין טויבער ברעג...

פאַרלייגט האָסטו זיך, שוואַרצער ים, אויף דרומדיקע ברעגן
מיט אָטעם צוגעבינדענעם צו שטילקייט אויף אַ קייט ;
פון אַלע זייטן קוקן קעפ אַרויס פון פעלזן שטומערהייט,
נ'אין קינדיש-בלויען פחד צלמען זיך שטיל צעגייענדיקע וועגן...

פאַרוועבט דיין שטילקייט, ים, איז אין לבנהדיקע שלייפן,
גלייך ווי דער טויט האָט זיינע בלייכע ביינעריקע פינגער אויסגעלייגט אַרום ;
מיט הענט מיט שוואַרצע, ים, אַרומגענומען האָסטו אַלץ דאָ, שטום,
זיך אויסרייסן וועט קיינער ניט פון דיר, פון דיר וועט קיינער ניט אַנטלויפן...

און קוקן פעלזן אויסגעפליכטע — איינער אויפן צווייטן,
מיט אָפּגעדעקטע שטערנס שיין אין שאָטנס איינגעשמירטע,
און איינגעשלונגען ווער פון זיי וועט ווערן פריר — זיי וואַרטן...

און ס'דאַכט זיך : אָט פון זיי וועט איינער אַ משוגענעם געשריי טאָן !..
אין הימל וואַרפן זיך דעלפינען, פון ווייטן רייסן זיך ביינאַכטן,
נאָר שרעקן פעלזן זיך אַציטער טאָן, דאָס שוואַרצע שטומעניש אַ ריר טאָן !..

שלעפן דיר זיך, טשאַטערדאַג, אויף קניען נאָך צעלאָזטע בערגלעך פון דער ווייטן,
ווי שלייַפן אויסגעפאַלדעוועט צופיסן — קוקן זיי אַרונטער ;
אַרום דיין שטומער גרויס צעשטעלטע אויף דער וואַך פון אַלע זייטן
צעקנייטשטע זוימען פון דיין פעל מיט פחד האַלטן זיי דיר אונטער...

און וועגן אָנגעגרייט דיר צו באַדינען ליגן אויסגעלייגט ווי שלאַנגען,
און טאָלן ווייזן בריסטן דיר — די אויסגעקייטע גרינע ;
אַנטקעגן דיר פאַרגליווערט אויסגעצויגן וואַרט יעקאַטערינע,
דו זאָלסט דאָס טעלערל פון הימל הייסן זיך דערלאַנגען...

— האָט שוואַרצער ים דיר אָנגעשאָטן זאַלץ אין דיינע אויגן,
וואָס קאָנסט זיך גאָר ניט, טשאַטערדאַג, פון אָרט קיין ריר טאָן ?..
פאַרכשופט האָט מען דיך ? צי בלינד ביסט פון געבוירן ?..

און רייצן כוואַליעס זיך מיט דיר אַ שטומען, אַ פאַרפירטן,
און קוקן נאָך דיינע באַדינער אַלע אויסגעצויגן
און ווייסן אַלץ נאָך ניט, וואָס, טשאַטערדאַג, דו זוכסט, וואָס האָסט פאַרלוירן ?..

טשאַטערדאַג! גנבענען צו דיר זיך מהנות כמאַרעס,
און וויקלען דיר מיט שוואַרצע סאַמעטן אַרום דיין שטיינעריקן קאָפּ;
צו דיין פאַרשטיינערט האַרץ, צו דיינע בריסט פאַרגליווערטע זיי נידערן אַראָפּ
און באָדן שטיל זיך אין דיין גרויסן שטיינעריקן צער אויס...

ווי שוואַרצע פויגלען נאַכטישע אַרום דיר דרייען זיי זיך שטומע,
ווי אויסקוקערס אַרויסגעשוועבט פון נאַכטישער פון שוואַרצער הויך;
מיט שוואַרצע פעדערן דיין נאַקעט טאַפּן זיי, דיין הוילן בויך,
און שוועבן אָפּ, און פון דאָסניי, נאָך שוואַרצער לאָזן זיך אַראָפּ, און קומען...

און גרעסער ווערסטו, טשאַטערדאַג, און אויסגעוואַקסענער און ברייטער,
ס'פאַרמעקט זיך ביסלעכווייז דיין אָנהויב און דיין סוף,
נ'גלייך ווי מיט שוואַרצע פעדערן פאַרשטאָכן ווערט דיין שטיינעריקע הויט,

אָ, סאָווע שטיינערנע, מיט פעדערן געטרעפטע, ווי אַ לייטער,
ווער אויסגעשטיקט האָט דאָ ביי דיינע פיס אַזוי פיל שאָף?
אָ, שטיינערנער טשאַבאַן, — דיין בוזים שמעקט מיט טויט...

גייען קוועלעכלעך אַרויס דיך, טשאַטערדאַג, באַזינגען און באַלויבן,
און אויף די גרינגע טאָלן זיך ביי דיר רשות צו בעטן:
— „מיר גייען איצט פון דיר אויף וויינגערטנער, אויף טרויבן,
נ׳ווי פינגער שמעקנדיקע זינגענדיק דיין לייב זיי גלעטן...

— „מיר גייען אָנטרינקען דיין לאַנד און דיין מדינה,
די רויטע פערשקעלעך אויף צווייגן דורשטיק זיינען;
מיר גייען אָפּפרישן די וויינטרויבן, די נאַכטיש־גרינע,
און אַלע וויינטרויבדיקע טאָלן, אַלע גערטנער זיינען דיינע...

— „דאָרט מיידלעך באָרוועסע, ווי אינדן יונגע, אויף אונז וואַרטן,
די באַקן אויסבאָדן אין אונז, מיט אונז די לייבער פון ביינאַכט באַשמעקן
און מיט די טרויבן־שניידערס אויסקייטלען די אָפּגעבערנטע הענט;

„די אַרבעט אויף די גערטנער שוין געענדיקט פון פאַרנאַכט אָן“, —
נאָר קאָנען קוועלעכלעך דיך, טשאַדערדאַג, מיט לידער ניט דערוועקן,
דו שטייסט פאַרטראַכט, מיט טויבן־קאָפּ צו שוואַרצן ים געווענדט...

און גנבענען זיך קוועלעכלעך אַליין צו וויינטרויבדיקע טאָלן שטיל אַרויס,
ווי כּלות זילבערנע, וואָס דו, אָ, טשאַטערדאַג, מיט כּשוף האָסט געפאַנגען;
זיי קושן זיך מיט צווייגן שטיל, זיי רעדן זיך די הערצער אויס
און ציען מיט זיך לאַנגע שנירעלעך לבנהשע געזאַנגען...

און זינגען קוועלעכלעך אויף גלעקלעך, שפּילן רינשטאָקלעך אויף טאַצן,
און יעדערע זוכט אָפּ זיין צווייג, און יעדערע זוכט אָפּ זיין בוים;
און יעדערע דערציילט מיט בענקשאַפט פון געפענגענישער היים,
ווי ס'לעבט זיך, טשאַטערדאַג, ביי דיר אין די פאַרפּוצטע אונטערערדישע פּאַלאַצן...

— דיין האַרץ איז, טשאַטערדאַג, פון ווין אַ כּשופדיקער שטיין,
דער וועג צו אים פאַרשטעלט, צו אים קאָן קיינער ניט אַריין גיין,
און נאָר ביינאַכט אויף דיין באַפעל שטיל קומען אָן דיינע געפאַנגענע צופליען...

פאַרשלעפערן דיך שטיל, פאַרוויגן דיך מיט מיידלשע געזאַנגען,
און שוין ווי זויגערנס אויף טאָלן קומען זיי צוגיין,
ווען פערשקעלעך נאָך זיינען בלינד, ווען ווינטרויבן נאָך זיינען גרין..."

– טשאַטערדאַג! שפּינען הויכן באַרגישע דיר טשאַלמעס ווייסע,
פון שנייען־ערשטלינגען, ווי ווייסע מאַטעלעך, וואָס יאָגן זיך און לויפן,
זיי בינדן דיר אַרום דיין אַלטן קאָפּ איבער די שלייפן
און קלעפּן אויס פון דיר אַ באַרגישע, אַן אַלטע מעשה...

און לייגן זיי זיך אויף דיר אויס, ווי שטיקלעך זון צעבּרעקלטע אויף אותיות,
און קומען ווינטן באַרגישע זיך שטיל צונויף אויף דיינע שטיינער,
געשטיינס, געהאַרטעוועט דיין לייב וואָס האָבן מיט די הענט אַליין גאָך,
און וואָס געדענקען נאָך ביז איצט די ערשטע רגעס פון בראשית...

אָ, שטומער טשאַטערדאַג! אויף דיין געשטיינטן האַלז־און־נאַקן
אוראַלטע ווינטן יובלען אייביקייטס געבורט־טאָג
און טרונקען אומרו פאַר דער וועלט – דעם אייביק־יונגן קינד,

איין ווינט דערמאָנט דעם צער פון ים, ווען טריקעניש באַוויזן האָט די באַקן,
דער צווייטער זינגט די פרייד, ווען ס'איז צום ערשטן מאָל געוואָרן ליכטיק,
און אַלע מאָל דערמאָנט אָן עפּעס אַנדערש זיך אַן אַנדער ווינט...

און שטעלט דער ים זיינע חילות אָפּ, און בינדט זיי איינס צום צווייטן צו,
ער גיט מיט שטורעניש זיי אַלע ווילד אַ קריון אויס;
ער גיסט די כוואַליעס מיילער פולע אָן מיט שוואַרצן רו, —
און הערט זיך שטיל דאָרט צו — צו אַלטע ווינטישע זכרונות...

—„און פלייש געהאַרטעוועט“—דערטראָגט אַ ווינט פון אויסגעזוניקט-ברייטע טאָלן,
און לייבער זוניקע געקלעפט פון הויכע איינגעשפּאַרטע בערג,
געשטיינערט און געשטאָלט די פעלזישע די האַרטע קערק
און אַלע זיי מיט וואַקסעניש מיט ווידמעניש באַמאָלן...

— „נאָר ים אליין געבליבן איז ניט אָנגערירט און גרויס,
ער קאָכט נאָך זיינע בערג אויף טויזנטער צעגליטע זונען
און רייסט זיך אָפּנעמען צוריק די טריקעניש מיט זיינע מערמל-ווייסע ציין;

ניט קיינעם קענען וויל זיין אומרויִק וויסטע שויס,
ניט קיינעס דאַרף זיין ווילדער זינדיקער זינען,
נאָר אומרויִקע וואולן ווילד, נאָר בערג, נאָר שוימיקע אַליין...

אַ פייכטקייט אַ געזאַלצענע האָט, טשאַטערדאַג, זיך אויסגעלייגט אויף דיינע סאַמעטענע טרויבן...
און זיי די הויט די מיידלשע צעשטיפּלט און פאַרקלייענט ;
– דאָס האָט דער שוואַרצער ים, דיין גרויסער אומרויקער פיינט,
דיינע צעבליטע גערטנער אויסגעהרגעט אין דער צייט פון קלויבן...

האָט, טשאַטערדאַג, זיך שוין אַ היישעריק אַ לאָז געטאָן אויף דיין מדינה,
אויף דיינע אַשיקע און זאַפטיק=אָנגעפילטע בערעס ;
און טריקנט זון, און היץ באַטאָגעדיקע זויגנדיק און שווער איז
און איינגעגעסן אונטער דיינע נעגל האָבן יאַשטשערקעס זיך גרינע...

צעוויקלט זיך די ווייסע טשאַלמע פון דיין קאָפּ,
און ליגן גערטנער אויף דיין לייב, פאַרזויאַנעט=גרינע,
ווי סטעזשקעס אויסגעלאַטעטע פון ראָגאָזשעס מיט זאַק ;

און פינגער אָפּגעברענטע – הענגען צווייגעלעך אַראָפּ,
נאָר שולדיק שטייען אַרום דיר דיינע פאַרשלאָפענע באַדינער
און וואַרטן אויף דיין שטיינעריקן גזר מיט פחד, טשאַטערדאַג !..

צעשטעלטע וועג=ווייזערס — פון בערג אַ לאַנגע קייט,
ווי קוטשעראַווע שוואַרצע שאָף צום אָונט=טרינק ביים שוואַרצן ים צעשיט;
זיי איינגעטונקען האָבן נאָר ביי שוואַרצע וואַסערן די טריט
און שרעקן ווייטער זיך אַריין גיין שטומערהייט...

ווער, עמעצער, פאַרטריבן האָט צו וואַסערן אַ נאָז=האָרן פון שטיין?
— דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט — מיט שוואַרצע נעזלעכער דאָס פייכטקייט זופּט ער;
פון זיינע אַקסל וואַרפט אין ים אַריין זיך אַ פאַרליבטער
און טרוימט אַנטקעגן דער לבנה גאַנץ גורזוף אויף אים אַליין...

און סטעזשקעלעך מיט וואַנדערער דאָרט אויסקוקן די וועגן גייען שטילע,
און יונגע קיפּאַריסן, פּאָרלעך=וויַיז, נאָך ניט צעבליט,
פאַרחלומט רייסן זיך אין גרינער הויך אַ וואָלקנדל אַ קוש טאָן;

דאָרט רייסט זיך אַלע מאָל פון באַהעלטעניש אַרויס אַן אַנדער ווילע,
גלייך עמעצער האָט זיך סמנים ווייסע אויסגעשיט,
אַז פון גורזוף זאָל ער צוריק ניט בלאָנדזשען קיין אַלושטע...

שוין פון גורזוף געמאַכט מיר האָבן אַ ווערסט זיבן,
און גאלע באַרג־אַרויף — פאַרטרינקען אין געוועקס ;
— אַ סטויס באַגעגנט אַלע מאָל מיט שילדעלעך : דאָ „אַכט“ דאָ „ניינציק ווערסט“
— ביז יאַלטע — אַ ווערסט זעקס אינגאַנצן איז פאַרבליבן. . .

נאָך אַ ווערסט צוויי — און באַרג אַראָפּ,
פריר אָנפּויען און נאָכדעם — שטאַרק זיך נאָר געהאַלטן ;
פון אונטן בורבלען עמער ליידיקע עפּעס אין קאָפּ,
נ'אַזוי איז שוין דער גאַנצער וועג קיין יאַלטע. . .

און גיך אויף רעכטס. ס'דערשרעקן זיך די פערד,
מיט משוגעת אַנטקעגן רייסט זיך ווילד
ווי פון דער הויט דער הוילער אַן אַרויסגעשפּרינגענער אויטאמאביל ;

אַ שטויב, אַן אויפגעריסענער פון אונטער דר'ערד,
דעם פּנים יעדערער אין בויד־לייוונט מע הילט,
און ווידער באַרג־אַרויף, און ווידער שטיל. . .

באַרג־אַרויף!
און גייען מיר פון בויד אַראָפּ, און שווייגנדיק — צופּיסן;
אונז נעמען ווײַנטרויבן פון ביידע זײַטן אויף
און גייען אונז אַנטקעגן קיפּאַריסן...

שוין אויף נאַכט!
ליוואַדי שלאָפט, ווי נאָך אַ באַל, זײַן קאָפּ געווייסט תּכרוכימדיק אין ליים איז,
דער קלויסטער — אויף די קני, דער קייסערישער פּאַלאַץ קוקט אַרויס, אויף עפּעס וואַרט,
און חלומט דאָרטן ווײַסע אָדלערשע חלומות...

עמעץ — דורך, גלײַך ווי אַ מויז,
באַהאַלט זיך שטיל אונטער די אויסגעשטאַלטע ווײַסע דראָטן,
און ווידער אַ פאַרכשופטע הייל... דער טויט אַליין געבונדן שפּאַנט דאָ;

פון איין זײַט — ים, פון צווייטער — כוואָלן פעלזן וועלדלעך אויס,
און באַרג־אַראָפּ! דאָ פאָרן גיך איז שטרענג פאַרבאָטן, —
נאָר ס'בעט זיך שוין אונטער די טריט דער וועג קיין אוריאַנדע...

די ווייט איז מיד. דער ים אין בלויער בענקשאַפט אָנגעטאָן איז,
פאַרוויגטע שלאָפן וואַסערן ביי פעלזישע צעקראַצטע פיס ;
זיי חלומען זיך בריסטן זילבערנע פון נאַקעטע לבנות
און ווייסע פעלזן-קעפ, וואָס לאָזן ניט פאַרטרינקען סימעיז...

און יעדער פעלז האַלט שווייגנדיק אויף זיינע הענט אַ ווילע,
דאָ ווינען ים-מיידלעך, און דאָ מיט זיבן קעפ — אַ ריז ;
און ס'דאַכט זיך אויס : אין אַ לבנהדיקע נאַכט אַ שטילע,
האָט זיך פון ים אויף טריקעניש אַרויסגעגנבעט סימעיז...

זיך עפּעס צוהערן צום ים און צו זיין אומרויִקן שלאָף
בויגט זיך די נאַכט די בלויע איבער שטיל, גלייך ווי אַן אַם,
און דעקט אים איין זיינע פאַרוויגטע איינגעשטילטע טיפן...

און כאַפּט דער שוואַרצער זקן זיך פון זיין לבנהדיקן חלום אויף,
און כשוף בעט ביי דער לבנה שטיל מיט נאַכטישן מיט שוואַרצן פלאַם,
ער — סימעיז זאָל קאָנען צריק אין וואַסער-לאַנד פאַרנאַרן און פאַררופן...

און רייסט זיך אויפן ברעג דער טויבער אוונטיקער ים־ביל,
גלייך ווי אויף פירן אָפּגעפּאָרענע פון ווייט זיך רייסן הינט;
די טאָטערס טוען גלעקלעך אויס פון פערד, די בלויע קרעלן מע צעבינדט,
און אַלע ווייסן שוין אין דאָרף, אַז אָנגעקומען איז אַ בריוו פון סטאַמבול...

זיך אָפּרוען וועלן די פערד, זיך אויסשלאָפן וועלן די וועגן,
אין גאָרטן דרייט זיך טרויעריק אַרום אַ פעטע לאַם,
זי ווייסט, אַז מאָרגן איז ביי זיי „קורבאַן־בייראַם",
נאָר יעדער בלעטעלע זי שמעקט, ביי יעדן דאַרף זי עפּעס פרעגן...

און פאַלט די נאַכט אויף טאָטערישע שוואַרצע הייזלעך,
פאַרוויגט די וויינטרויבדיקע טאָלן מיט די גערטנער,
נאָר ערגעץ, בענקענדיק, דער מולא רייסט אויף שטריק די טאָטערישע רו...

דער שוואַרצער ים־געוויין, ווי הינט ביי טויערן פאַרמאַכטע ערגעץ שווערט נאָך,
און שוואַרצע שטיבעלעך אַרום, ווי שוואַרצע מייזלעך,
שטיל הערן פון דער ווייטן זיך צו עפּעס אַלע צו...

האָט מיר די זון שוין אויף די פיס ביז בלוט פאַרבאַקן,
אין אַ גערעטעניש פון זאַנגען ברענענדיקע מיך פאַרזויגן;
מיר מיט בײַטאַגיק מידעניש פאַרקלעפּט די אויגן
און גלאַנצט מיין לייב, ווי שטיין געבאָדענער אין ברוינע לאַקן.

און שיילט זיך ליסקע גאָלדענע פון מיינע באַקן,
מיך קושט דער זאַמד; מיט שטיינדעלעך איך רעד פון היץ;
צעברעקלט אויף מיין לייב האָט היינט די זון אַ גאַנצן בליץ
און האָט מיט שטריק מיט גאָלדענע פאַרשלייפט מיין האַלז=און=נאַקן...

און גראַבלען שטראַלן מיינע ברעמען, כאַפּ איך אין שוימעלעך זיך אויף הויל, –
מיר חלומט זיך איי=פּעטריס אויסגעהאַקטער ברוינער פּראָפיל,
ווי ביי אַ אָדלערקע די לאַנגע נאָז, עקשנותדיק געהאָרבעט און געבויגן;

ניין, ניין, איך בין מיט זון היינט אָנגעשטאָפּט און זאַט פאַרזויגן,
די זון האָט היינט צעברעקלט אויף מיין לייב אַ גאַנצן בליץ, –
– איך רעד פון היץ!..

כ׳האָב קוים אַראָפּגעשלעפּט די נאַכט. . .
אַ לאַנגער טאָג — פון ים ביז אונטער פעלזן אויסגעצויגן,
מיט לאַנגע געלע שטרוי אין מויל אויף סמאָקען און אויף זויגן,
האָט, גייענדיק, מיט מיר איניינעם היינט פאַרבראַכט. . .

און נאַקעט אויסגעטאָן האָט ער מיך, נאַקעט הויל,
און זיין ברענענדיקע שטרוי אין מיר פאַרטריבן גלייך ווי ציינער,
מיר נאָכגעגאַן איז ער איבער די ווייסע אויסגעגליטע שטיינער
און אונטער מיר, און מיר אַנטקעגן, נ׳אומעטום, פון מויל צו מויל...

אַרומגענומען האָט ער מיך מיט זיינע דאַרע אייזעריקע הענט,
געפּענטעט מיר די פיס; און שוין מיין אָטעם איז פאַרשטעלט די וועגן,
מיין קאָפּ איז — שווער, מיין שטערן - פייכט. . .

פון אָנהויב ים ביז אונטער פעלזן — ברענט!
און אונטער מיר און מיר אַנטקעגן, —
כ׳האָב קוים אַראָפּגעשלעפּט די נאַכט! . .

איך לאָז זיך באַרג=אַראָפּ, אין טאָל פון נאַכט איך קער זיך צריק,
דעם טאָג פאַרוויגט, — צו שטילקייט נאַכטישער איך גיי מיר;
צו דעם געזאַנג פון מיינע טריט זיך הערן אונטער אַלע ביימער,—
מיר האָט פון זילבער די לבנה אויסגעלייגט אַ בריק...

מיך טרעפט די נאַכט אויף בלייכע ביינעריקע רינגען,
און ציילט אין קאָפּ ביי זיך די שטילקייט מיינע טריט;
— איך שענק דיר, שטילקייט נאַכטישע, מיין שטומע ליד,
וואָס איך וועל קיינמאָל, אפשר, גאָרניט זינגען...

מיר חלומען זיך אַלץ נאָך ווייַנטרויבדיקע גערטנער
מיט אויסגעברוינטע שניידערנס אויף צווייגעלעך געבויגן,
אָ, גלייך ווי זויגערנס — אי אָוונטיק, אי מיד...

אַ גערטנער פון אַ בוים אַ פאַלנדיקן ערגעץ קלערט נאָך,
נ׳מיר חלומען זיך אַלץ נאָך דיינע ברוינע זויגנדיקע אויגן, —
צי, אפשר, דו אַליין ציילסט איצטער מיינע טריט?!.

אַ גאַנצע נאַכט, פאַרבייגייער, מיין טיר איז אָפן,
און ווער דו ביסט ניט — זאָל מיין שטילקייט זיין דיין היים;
דאָרט פליען פלעדערמייז פון בוים צו בוים,
נ׳אויף מיינע האָר גייט אַ געשיקטער אום פון צפון...

איך וועל, פאַרבייגייער, דיך היינט שוין ניט פאַרשלאָפן,
היינט אַלע אוצרות שטילקייט איך צעעפן און צעבינד;
דאָרט יאָגט זיך אויפן ים נאָך ווייסע שעפסעלעך — אַ ווינט,
און איך — איך ווייס נאָך ניט אַליין נאָך וואָס איך בין אַהער געלאָפן...

כ׳האָב פון איי־פעטריס קאָפּ היינט אָנגעריסן שמעקנדיקע קרייטער,
ביים טשאַטערדאַג אַ קוואַל כ׳האָב מיט מיין קריגל אָפגערעדט,
איך רעכט זיך דריי מאָל היינט, פאַרבייגייער, אויף דיר;

דאָ פייערט זיך מיין מויל — אַ אָוונטיקער שייטער,
און אויסגעבעט איז דאָ פון שאָפן־פעל פאַר דיר אַ בעט,
און אָפן איז פאַר דיר אַ גאַנצע נאַכט, פאַרבייגייער, מיין טיר!..

שניי־שיט

א.

— איבער נאַכט האָט ווייסער וויכער
אויף די שוואַרצע פענסטער-קעלן
אויסגעקריצט מיט קרייד אויף לוחות
צען געבלומיקטע באַפעלן:

אַלע ווינטן — הויל די העלזער,
ביימער אויסגעפליקט מיט צווייגן;
אונטער שטאָט אויף גיך צעשטעלט זיך
מיט געווער און מיט געצייגן!

אויף דער שטאָט אַ שלאַנג—אַ טייך גייט,
האָט זיין אייגנס טויזנט קעפּ ער,
לוסקעס — בליצן, אויגן — מאַרקן,—
רופט מען אים ביים נאָמען — „דניעפּר“.

— אויף זיין בויך מיט נעגל — גלאָזיק,
ווער פון אונטן, ווער אַנטקעגן, —
און מיט נעזלעכער — מיט בלאָז-זעק
אים פאַרשטעלט דאָרט אַלע וועגן!..

— גליטש זיך, בלעכענער געליאַרעם,
שטאָל און אייזן היינט דיין שפּרוך איז,
— פאַר די העגט זיך הייס געאַרעם —
אַלע, אַלע זאַווערוכעס!..

אָנגעגורט מיט העק און העקלעך
און מיט ציין און מיט אָפּצווענגעס,
— גלעקלט, טריט, אויף פּראָסט, ווי גלעקלעך,
באַלד די גאָרע וועלט שוין ענג איז!

מיט געשמידטע שמיטה־האַמערס —
אַלע שמידער זאָלן קומען, —
און מיט האָרנס און מיט קלאַמערס
— צונג אים צושמידן צום גומען!

טויזנט ווינטן — אויף זיין האַרצן,
טויזנט ווינטן אויף זיין גאָרגל,
— סאָפּעט, כראָפּעט, פון זיין האַרצן
זאָט דערמונטערט, אָט דערוואָרגן!

מתים – לאַנג שוין ליגן סטעפּעס,
פרייט זיך, שטורעמס, פרייט זיך, ווינטן,–
הייס דעם וואַרגנדיקן דניעפּ איז,
עמעץ שלעפט איס שוין פון אונטן!

טראָג זיך, שטורעם, וויכער, וואַנדער,
מכשפות ווייסע זוכן,
– אָטעם אים אין מויל אַריין דאָרט
שלאָפגעטראַנקען, זאַווערוכע!

ציטער, בילמע, – לעצטער שטערן,
– גוטע נאַכט אייך – ווייסע וועגן!
נאָך איין האַמער, נאָך אַ שווערן
און ס'באַגעגנען זיך די ברעגן!..

ב.

— הויך — מיט זאַנגען ווייסע פול איז,
מילך פון מיילער ביי זיי רינען;
טאַנצן באַבעלעך אויף קוליעס
און אויף האָרנס שפּילן בינען!

אין דער הויך אַ ווייסער שניט איז,
האַלבער=טאָג אין ווייסן שנײַדט דאָרט;
פרייד אייך, שטיינער, פרייד אייך, פּליטעס,
שכור=טריט און קאָפּ געווייטערט!

ווייסע שניידערנס און שניידערס,
ווייסע שאַרפן, ווייסע זאַנגען,
ווייסע מיידלעך, ווייסע שייטערס,
— ווי זאָל איך אייך ניט דערלאַנגען?

קושט אין מויל און קושט אין פּנים,
פאַר די ברוינע הענט — אַ נעם אָן;
— זאַווערוכע, אָט אַ דאָ נעם,
פאַרן האַלז און פאַר די ברעמען!

מיין געבורט=טאָג, היינט, אין טאָל איז,
איילט זיך שנייען צו באַגינען;
— באַבעלעך — אויף ווייסע קוליעס,
און אויף האָרנס — ווייסע בינען!..

ג.

פון ווינטן פון אַלע – איין ווילדער איין וויכער,
און ווילדער און וויכער – אויף שבטים זיך ווידער;
– היי, שטורמאַן פון ערד=קנויל, צעזאָטלען זיך גיכער,
צו וויכער, צוווילדן, – צו ווינטישער ווידוי!

די זיגלען די שוואַרצע, פון בכורישע וועלדער,
ווי שפּינען זיך וויגן אויף שפּינוועבס געהאַנגען;
– אויף ווינטישן האַרץ פון אָנצאָליקע וועלטן, –
ווער טראַכט נאָך פון קומען, ווער טרוימט דען פון איינגיין?

באַהעפט אין דער לופטן, ווי שטיינער אויף שטיינער,
זיך רייבן די ווינטן אין שנייִקע שטויבן;
– אויף גאַסן, געבונדן מיט ווינטן=געוויינען,
ווער שטייט עס אויף ראָגן, ווער בעטלט בײַ שויבן?..

— וואָס, שטיינערנע ריזן פון שטעט און פון קרווינשטעט ?
— ווי מייז און ווי שטשורעס אויף מיסטיקע קופּעס !..
— וואָס, שטאָלענע בריקן ? — ווי באַבעלעך קליינע
אויף בלומיקן פלאָנטער פון דראָטענע סלופּעס !

די אַלע פיר זייטן און הויכן, און תהומען,
זיך וואַרגן מיט גריזען, מיט סמאָקען דיין פּאַלוב,
און שרייען און שפּייען מיט שניי און מיט שוימען
ב'אין טויזנטער גלאָקן צעגלאָקן אַ וואַל־לויב...

אָ, ערד־קנויל, אָ, וואָגלענדע שיף פון אין־סופן,
אָ, מיאַטש און געשליידער פון טאָג צו דער נאַכט צו ;
— ווו שווים איך אין שטורעם, פון וואַנען אַנטלאָפן,
— ווי קום איך צו דיר, אויפן ווינט פון דיין האַרצן ?..

ד.

און פאָרן זיך ריזן — צערודערטע רייען
אין וואַלסן צעוואָרפן — צעוויכערטע ווינטן;
אין פראָסטיקן פיבער פאַרפלאָמטע זיך פרייען
און שנייען, און שפינען, און שינדן, און שווינדן...

און אַלע — געשרייען אויף שנייען זיי שיפן,
און אַלע — א ווילדן אַ גורל זיי וואַרפן.
און וויען, און רופן צונויף אַן אסיפה, --
אָ, אויפברענגען ועמען צו רוימען זיי דאַרפן...

און כורעים מיט קאָפּ, און געוויינען פון בוים איז
צו פענסטער, צו לאָדן, צו בערגלעך פון שוועלן!
נאָר אויסגעלייגט הייזער, ווי דרהרגעטע בהמות,
און ווינטן ווי שינדערס זיי שינדן די פעלן...

אַ טויער, אַ וואַנט, — זיך פאַרגראָבן פון לאַנג גיין,
פאַרפרוירענע הענט אין די פאַכוועס צעווישן, —
און שניי־בלויע שלעפן די שטורעמס, ווי שלאַנגען,
געזאַנגען אין נעצן, ווי נאַקעטע פישער...

זיי זייען מיך, זייען מיט אויגן מיט שנייען,
מיך דרייען פאַרדרייען, זיי שאָבן, זיי גראָבן,
— ווּ וועגן, ווּ סטעזשקעס פאַר פריעקן גייער, —
איך קום אויף דיר, שניי, ווי אַ גנב, אַ ראָב אָן.

אָט יאָגן פון ערגעץ זיך וויכערס מיט קוישן,
מיט שוימיקע קוישן זיי כריפּען און שווער גיין;
– אָ, ווינטן, אָ, וויכערס, – איך גיי שוין, איך גיי שוין,
ס'וועט מאָרגן אויף שנייען צעבליען אַ בערגל...

און בייסן זיי ביימער און ברעכן, און בראָקן, –
– וואָס מאָנט איר ביי ביימער? ביי דעכער פון שאָפּעס?
אַ דאַך פון א ערשטלינג אַ וואַלד – אויף מיין קאָפּ איז,
צי עמעץ האָט, ווינטן, אַ קינד אייך פאַרטראָגן?

איז אָט איז מיין האַרץ און מיין שנייִקער אָטעם,
מיין זינגענדיק מויל, מיינע שכּורע טרויבן, –
– מיין האַרץ – שוין פאַרשכּורט אַ דאָרשטיקע האָט אים, –
אָט בין איך פון וועגן דער יונגער, דער רויבער...

און נעמט מיך צו בלויע אומענדלעכע רוימען,
און ברענגט מיך צעברעקלט אין שניי־בלויע זאַנגען;
– פון מיר שוין די שפּיצן די בערגישע טרוימען,
אָ, ברענגט מיך – אַ טרוים, – אָ, איר שטורעם־געזאַנגען!..

און פאָרן זיך ריזן – צערודערטע רייען,
אין וואַלסן צעוואָרפן – צעוויכערטע ווינטן;
אין פראָסטיקן פיבער, פאַרפלאַמטע זיך פרייען,
און שנייען, און שפּינען, און שינדן, און שווינדן!..

ז.

טויזנט-פליגלדיקער שטורעם,
מיט די נעגל כאַפּ מיין בויך צאָן,
— אין די בושלדיקע הויכן
ברענט און בלענדט מיין ווייסער טורעם,—
ניט קיין ליים און ניט קיין ציגל,
ניט קיין הענט און ניט קיין קייטן,
— ווייסע שוימענדיקע מיידן
פעדערן פון בייכער פליקן, —
קניען הויכן פאַר דער נידער,
— איך בין ווידער,
— איך בין ווידער!..
טויזנט-אָטעמדיקער ווייכער,
אויף מיין האַלז — אַ ווייסער שלייף איז,
— פלאַקערט, פלאַקערט, ווייסע שרפהס,
ווינטן — גיכער, גיכער, גיכער,
ווייכער — וויעס ווילד צענעם מיר,
ווינט — לבנות ווייסע צינד אָן,
— גיסט פון מיילער, גיסט פון עמער,
שיט פון פאָרנט, שיט פון אונטן, —
ווייסע בלאָזזעק, ווייסע שמידער,
איך בין ווידער
איך בין ווידער!..

זאַווערוכע, זאַווערוכע,
טויזנט מאָל פאַר דיר מיין אָטעם,
טויזנט מאָל צעברען, צעבראָט אים,
טויזנט מאָל צעריים, פאַרפוכע,
— ווייסע שנייען, ווייסע רגעס,
ווייסע ווייטן, ווייסע ברייטן,
לאָז מיר שניידן, לאָז מיר ווײ טאָן,
כ'וויל ניט וויסן ווו דער וועג איז,
כ'וויל נאָר זאָגן אינדערפרי דיר:
— איך בין ווידער,
— איך בין ווידער!..

אויף די יונגלינג־שנייען שרייב איך
מיט צעבלוטיקט־רויטע אָרעם:
— אַ געלעגער פאַר מיר בעט דאָרט,
ווייסע וועשן, ווייסע ציכן,
ווייסע הענט און ווייסע לייבער
און אַ גאַנצע נאַכט — אַ שטורעם!
ווינט פאַרמישט דאָרט, ווינט פאַרבלעטערט
שווער איך דיר, מיין ווייסער וויכער,
שמיד זיי, שמיד זיי מיינע לידער,
— איך בין ווידער,
— איך בין ווידער!..

נאכט-פאל

א.

שוואַרצע וועבער טרענקען זיך אין פלאַקסן שטיל,
פאַרפלאָנטערט אין געוועב פון אוונטיקן דעמער...

— פון מיין פאַרלאָזטער מיל,
פון מיין פאַרפירטן גאַנג, —
נאָך רו, נאָך אוונטיקער, דעמער,
שטיי איך שוין לאַנג
מיט ווענטקע מייִנער
און מיט מיינע עמער..

אָ, לייבעכע פאַרוווּנדעטע, אָ, ווייט!
אין וואַך פון בערג פון שוימיקע אַרום,
ווי אַ געפאַנגענע,
בעטסטו אַ בעט פון האָר פון דיינע
שטום, —
פון דיינע רויכעריקע פלאַקסן...
און גיסט אַ שטילן שלאָף־געטראַנק
אין אַלע אוונטיקע זאַנגען אן
מיט ברוינע קראַנען פון דיין שוימענדיקער ברוסט...

גאָר שווערער ווערן ניט די עמער,
אויפגעהאַנגענע
אויף מיינע אַקסל...

– אויף וועמען וואַרטסטו מיט אַזוי פיל שרעקנדיקער רו ?
אויף וויפל ריזן אָנגעגרייט האָסטו אַזוי פיל בלוטיק וועש ?
און פון הרוגים וויפל פאַנצערס ליגט דאָ אָפּגעריסן מעש ?
פאַר וועמען וועבסטו אַזאַ שטומע שרעקנדיקע נעסט ?
און ווו=זשע, ווו=זשע בלאָנדזשען ערגעץ דיינע מידע געסט ?..

אַרויפגעשטייגטער לעצטער צאַנק
אויף קלויסטערישן גלאָק,
וועט זיך אַראָפּגליטשן צוריק אַליין
און וועט צעגיין...

נאָר איך,
דאָס לעצטע טאָג=געבראַכטס,
פאַרוועבט אין פינגער פון פאַרנאַכט
פאַרשטאָכן האַלט מיין ווענטקע אין דיין האַרץ
און וואַרט...

און איינמאָל
איינוועבן וועט שוואַרצער וועבער
מיינע האָר און מיינע אַפּלען
אין זיין דעמעריש געוועב, —
און זיי אין שווינדלדיקע פּינטעלעך צעווייען
אויף דיינע קאַלטע טומטומדיקע בריסטן, ווייט...

און זיין ווי איצט וועט שטיל,
און איך פון מיין פאַרלאָזטער מיל
מיט מיינע עמער
וועל צו דיר ניט קומען מער, —
אַהער...

באַר ווענטקע אין אַ אומרויקער האַנט
פון עמעצן פאַרבלאָנדזשעטן אַהער,
דורך שקיעהדיקן לאַנד...
— פאַרטייעט,
דיך אייביק מאָנען עפּעס וועט אָ, ווייט,
אָ, שרעקנדיקע ווייט!

ב.

בלויער אוונט,
בלויער אומעט, —
מיינע פענסטער שטום אַרום האָט
שטום געגומען
צוגעטוליעט
און פאַרבלויט...

מיינע פענסטער האָט אַ בלוי=האַנט
בלוי פאַרבליט אין בלויע בלומען...
— ווער זשע וועט נאָך זיי איצט קומען?..

ווייסטו, אומעט,
ווער אָט דאָ וווינט,
אין די פענסטער אין די בלויע
די פאַרבלוטיקטע מיט טוי?..

דאָ דער אומעט וווינט דער בלויער,
זיצט אויף טיש ער,
זיצט אויף דיל ער,
ווי אַ פישער,
ווי אַ שטילער,
מיט צוויי ווענטקעלעך מיט בלויע, —
וואַרט ביים גרויסן ים פון טרויער
אויף אַ פישעלע פון פרייד...

בלויער אָוונט,
בלויער אומעט,
בלויער שטום האָט
זיך צעדאַוונט
פאַרן אומעט —
פאַרן טויט...

ג.

מיט קיטלען בלוטיקע באַצויגן,
פון וואָגלען, וואָגלען און פון וואַנדלען, —
צו דיר, פאַרנאַכטנדיקער עשאַפאָט,
לאָזן זיך מחנות שכורע אַראָפּ...

אָ, פאָקנדיקע אויגן,
אָ, איי־גוואַלדיקער גלאָק,
— באַלד אָפּהאַקן וועט זיך אַ קאָפּ
פון מיין אַ אויסגעזיפּטן טאָג...

ווער ביסטו, הענגענדיקער פלאַם?
ווער זייעט אָן דיך, וועלט, גלייך ווי אַ ווינטעריקן לאָמפּ
מיט תּפילהדיקן אייל?
— אָ, יעדערער, דערציייל!..

ד.

דו, איינער! רעכטסט זיך נאָך אויף איינעם? זאָג!
– אָט בין איך! פאַר דיין וואָג־שאָל–נאַקעט גרינג;
אַריינגערוקט די פינגער האָט דער טאָג
אין מויל אונטער זיין אָפּגעפּויקטן צונג...

היי, אויסגעבייטשטע גאַסן, קניען – שטייף!
ווי אָדערן געשלאָסן – ראָג מיט ראָג;
– משוגענע, איר הערט אַ קלאָגעדיקן פייף?
איך שענק דיר איצטער, מענטש, מיין גאַנצע וואָג!...

דו, טאָגעדיקער שטייער פון דער גאַס,
מיט וואָג־שאָלן פאַר מענטשן־פלייש אויף וואָג;
דו ווייסט? אויף שקיעהדיקע וואָג־שאָלן פון אַש,
דאָרט ווענן איצטער ווענן שוין דעם טאָג!..

ה.

שטיי, פאַרביימענטש, מיין אַנטקעגן!
— זיי מיין אָוונט, זיי מיין קוואַל היינט, —
ווייטער דאַרף איך ניט נאָך טוי גיין,
איצט מיין אָוונט־טוי — ביסטו...
כ׳פיטער טריט דאָ אויף די וועגן,
— אָ, מיין לאַנד פון וואַסער־פאַלן,
גיב אַ טרונק פון דיינע אויגן,
גיב אַ טרונק טאָן פון דיין רו...

לייג אויף אַקסל מיר דיין האַנט אָן,
זי וועט איצטער מיר ניט שווער זיין...
—הער, פאַרביימענטש, וויין דעם וועג איר,
וויין דעם וועג איר צו אַ בוים,
— דאָרט אויף שוואַרץ־בלויע געוואַנטן
בעט דער טאָג זיך אַ געלעגער
מיט געוועב פון מיינע פערזן,
— שטיי, פאַרביימענטש, זיי מיין היים!..

ו.

פאַרקויף מיר, שיקסעלע, דאָ בעז אַ צווייגעלע,
שוין נאַכט צערינען איז און טאָג איז גרויס;
– אויף שלעפן נאַכטישע זיך עפּעס איינהאַנדלען
בין איך פרימאָרגנדיק פון שיף אַרויס:

דאָ טויִק־פריש אַזוי, אַזוי דאָ דרימלדיק;
צי אַלץ שוין אויספאַרקויפט, צי ערשט מען גרייט?
– אַזוי פרימאָרגנדיק, אַזוי דאָ הימלדיק,
צי אַלץ דאָ וואַרט עפּעס? צי אַלץ באַגלייט?..

ס'פאַרהויבט זיך אַלע מאָל אַן אַנדער פאָרהאַנגל,
אַ קעפּל אַלע מאָל, ווי פון אַ נעסט;
– פרימאָרגיק ווינטעלע מיט דינע פינגערלעך
צעשפּיליעט בריסטעלעך שוין ביי דיין בעז!..

פאַרקויף מיר, שיקסעלע, דו, קליינגעוויקסעלע,
די שיף ניט וואַרט אויף מיר, זי ט'לאַנג ניט שטיין;
אויף בוים זיך קלעטערן? איך העלף דיר, שיקסעלע,
איך העלף דיר, שיקסעלע... דעם בעז... אין צווייען...

רייס אָפּ יענץ צווייגעלע, וואָס קוקט אין הויך אַריין,
מיט אויגלעך אָפּענע, ווי טויען ריין...
— וואָס, שיקסל, שמעקט אַזוי, די פרישע בעזעלעך,
די פרישע בעזעלעך, צי... דו — אַליין ?!..

ניין, יענע, שיקסעלע, אונטער דיין שטערנדל,
אָט יענע בלויִנקע, אָט יענע צוויי...
— ניט שרעק זיך, שיקסעלע, פיל ביימער שטייען דאָ,
און ווייטער ליידיק נאָך, וועל איך ניט גיין!..

אַזוי פיל בעז=געטראַנקען, אַזוי פרימאָרגנדיק,
אַזוי דאָ שוימענדיק, אַזוי דאָ גרינג;
וויפל דו ווילסט ביי מיר, איך דינג זיך שיקסל ניט,
דיין ברוינעם פינגערל מיין מויל — אַ רינג!..

אָט פייפט דאָס דריטע מאָל דער שוואַרצער קוימען שוין,
שוין כוואַליעס וואַרטן אויף מיין שלאַנקן הויל,
— איצט ווייטער לאָז איך זיך אויף שיף אויף טרוימענשן
מיט בעז אַ צווייגעלע אַ גרינס אין מויל!..

ז.

אויסגעצויגן,
ווי אַ האַנט
אַ נאַקעטע,
וואלקנסטו זיך, טייך פאַרנאַכטיקער,
אַראָפּ פון מיינע אויגן
אין שטילן שקיעה=לאַנד...

דו, צונג, דו אויסגעשפּיגענער פון טאָג,
ווער, עלנדער, זאָל זיין דיין תּפילה?
ווער, בלאָנדזשענדער, זאָל זיין דיין גלאָק?
און ווער, פאַרנאַכטיקער, זאָל דיך אַ אַקער טאָן?..

אויסגעצויגן,
ווי אַ האַנט
אַ נאַקעטע,
וואָלקנסטו זיך, טייך, אַראָפּ
אין שטילן שקיעה=לאַנד
פון מיינע אויגן
און וואַרטסט אויף אויפגאַנג פון מיין קלאָג,
און בעטסט אויף שקיעה פון מיין קאָפּ...

ח.

אין לעצטן צאַנק פון זון־פאַרגיין,
— אַליין,
אויף אויסגעטאָגטע וועגן,
— וואָס קאָן איך פרעגן ?..

אין שוואַרצן אַש פון פאַלנדיקער נאַכט
פאַרנאַרט,
אויף שפיצן שווינדלדיקע שטאַנגען, —
וואָס קאָן איך דען דערלאַנגען ?...

אין שוואַרצן וואַלד פון רו,
דורך שוואַרצע פלאָנטערדיקע רערן,
— ווער נענטערט צו מיר זיך צו ?
— צו וועמען קאָן איך דען געהערן ?..

ט.

אין בלויער האלבער־נאכט קלאפּט מען אין פענסטער מיר,
צו מיר פאַרבלאָנדזשעטע אין וועג — ביינאכט;
— אַריינגייט, נאַכטלינגען, אַריינגייט, געסט מיינע,
מיין וועג אַליין האָט איך אַהער פאַרנאַרט...

פון וואַנען? ווער איר זיינט? איך פרעגן וועל איך ניט!
— אַריינגייט, געסט מיינע, אַריינגייט, פריי;
אָ, איינע רעדט מיט מיר, איך ווייס ניט וועלעכע...
איך גלויב איך אַלעמען, — כ'בין אַלע — טריי!..

מיט מיינע דאַרע הענט, מיט די פאַרדאַוונטע,
וועל איך אייך אָנשעפּן פון רו אַ ליד;
פון מיינע טאָג־אויגן מיט בלויען אָוונט־טוי, —
וועל איך אייך אָפּשוימען דעם שטויב פון טריט...

— פון מיינע טאָג־אויגן, — אָ, בלויער וואַסער־פאַל,
פאַר די פאַרבלאָנדזשעטע, אָ, אומרו־ברעג;
— ווהין פאַררופט איר מיך, אויף וועמעס חתונה?
אָ, שטילע נאַכטלינגען, אָ, בלויער וועג!..

י.

נאָך שטיין אַ ביסעלע בײם פלויט ביים גאָרטנשן,
אויף טרוימען אויסבייטן — אַ העלע שעה ;
אָ, מדבר=טרויער=טאָג, וואָס זעסטו דאָרטן שוין ?
כ׳וויל נאָך אַביסעלע ביים פּאַרקן, דאָ...

אָפּ יאָגן סטויפּעס זיך אין שפּאַן אין דראָטענעם,
ווייט=ווייט אין וועלט אַריין, וועלט אויס — וועלט איין...
— אַ שטומער אלול=טאָג ! ניט טאָן קיין טראָט אָן אים...
— לאָז מיך צו בלעטעלעך, לאָז מיך צו שיין !..

אָט שווימט זיך שטיל אַרום אַ שפּין=געוועבסעלע,
אַ שפּין=געוועבסעלע אויף שטילער וועלט...
אָ, וועמעס ביסטו, דו, פאַרבלאָנדזשעט שעפּסעלע,
פאַרבלאָנדזשעט שעפּסעלע פון האַרבסטיק פעלד ?..

דו זוכסט אַ האָר מיינע, אויף גאַנצן שטך=שיין,
ביי איר זיך אָנכאַפּן און בלייבן שטיין ?..
— דו הערסט, דו, שעפּסעלע, דעם פאַל דעם בלעטערשן ?
— דו זעסט, דו, שעפּסעלע, דעם שאָטנס גיין ?..

אָ, שאָטן ווידמענדער ! זאָל איצט דיין מײַן צו גיין,
ניט זיין צום גאָרטנשן צום פּאַרקן דאָ ;
— לאָז מיר אַ העלע שעה, אַ איין און איינציקע,
אַ איין און איינציקע פון גאַנצן טאָג !..

יא.

פֿאַרטריבן

גייט דער טאָג אין וויסטן חלל פֿון דער וועלט
— אַ בלאַט פֿון עק ביז עק פֿאַרשריבן...
און טראָגט אַ טאָרבע אַש אויף פּלייצעס איבער וועלט...

— ניט לויף אים, ווינטל, נאָך פֿאַרטייעט־שטום,
אָ, ניטע, ווינטל, אים ניט טרייב...
— איך האָב זיך, ווינטל, אָפּגעריסן ערשט אַ בלום,
— פֿאַרשרייב!..

ניין, שנירע, אָפּ דיין טאָרבע,
טאָג,
— אַ טויב, אַ ווייסע טויב איז ערשט ביי מיר געשטאָרבן,
און נאָך עפּעס איך האָב דיר ניט דערזאָגט!..

יב.

פון ווען איך בלאָנדזשע דאָ, פון ווען איך דרימל,
פון ווען איך רויכער זיך פון ראָג צו ראָג;
– אָ, עפן, עפן מיר דיין לעצטן הימל,
אַ טאָג – אַ בר=מינן צוריק איך טראָג!..

מעק אויס! מעק אויס! און ברייט דיין מאָרג אָן,
איך ווייס אַליין ניט ווען מת איך טראָג;
– פאַרשרייב אויף מיר, פאַרשרייב אויף מאָרגן,
און באָרג מיר, באָרג – אַן אַנדער טאָג!..

פאַרפלאָנטערט האָב איך זיך אין דיינע שטראָמען, –
– ווער ביסטו? כ׳ווייס ניט ווי ז׳דיין נאָמען,
איך דריי זיך שנייענדיק אין ווינט פון וויי!..

אָ, עפן, עפן מיר דיין לעצטן הימל,
פון ווען איך רייכער זיך, פון ווען איך דרימל,
–פאַרמעק מיר „איינעם“ און פאַרשרייב מיר „צוויי!“

יג.

אַ הילצערדיקער בושל מיט אַן אויסגעלאַנגטן פּיסק
ביים אָוונט-ברונעם שטייט דער שעפּנדיקער שטאַנג
אויף איין פאַרדאַרטער לאַנגער פוס
און פּיקט מיט סקריפּענדיק געזאַנג
די נאַקעטע לבנה פון אַ בלויער טאַץ...

דער גאַנצער הימל איז צעקראַצט,
צעיאַטערט און צעלעכערט,
מיט ווייַ פון הינטישן פון ווייטן ביל,
מיט טריט פון וועכטערישן דאַרן קלאַפּ...

נאָר געסלעך טיילן זיך מיט שפּאַנען אָפּגעהאַקטע שטיל,
און הייזלעך – איבער אויגן אָנגעכמאַרעט דעכער,
שפּיגלען זיך שעמעוודיק – אַראָפּ, אַראָפּ...

יד.

אויף פעלדער, אָפּגעשוירענע צום קאָפּ,
זיך לאָזן קעפּ שוין איינזאַמע פון פערד געפּענטעטע אַראָפּ,
שוין רופן פּאַסטוכלעך זיך איינס דעם צווייטן איבער,
איבער צעהיילטע בערג, איבער פּאַרוויטע גריבער...

אַ ווינטל ווירעט אויס דאָס טייכל שטיל,
פון טאָג אויף נאַכט עפּעס פּאַרקריצט...
און בילט
דעם שטיקל שטיין, וואָס ווי אַ זשאַבע זיצט
מיט רוקן אָנגעזייפט פון וועש פון ניט דערפּראַטשט, —
— אַז ערגעץ נאָך איין וועסלע ראַנגלט זיך און פּאַטשט...

טו.

אַ ווייכע שטול מיט שטאַנגען אין דער הויך,
פון ווינקלען־ליפּן — הערנערלעך געלאָקטן רויך;
אַ גרינער אַבּאַזשור, ערינערונגען־לער,
— ניט מער!..

אַן אַלטע בילד אויף דעמערישער וואַנט,
און אויף די האָר — עמעצנס צאַרטע ביינעריקע האַנט;
אַ שאָטן אויף דער סטעלי פון אַ בער,
— ניט מער!..

אַרויסשאַרן דאָס אַש פון פאַלנדיקן פלאַם,
אַ דרעמלדיקע פרייד פון זיין אַליין...
פון עלנד — אויב אין צווייען...

אַ אומגעריכטן בליק — באַגעגנען אין אַלבאָם,
און אויף די אַקסל זאָל די שטילקייט רוען שווער,
— ניט מער!

טז.

פאַר דרימלדיקן בליק — אַ בוך מיט לידער פון דאָס־ניי,
אַ ניטצעשעניסענער, אַ נייער באַנד ;
— דעם שאַרבן הויבן הינט מיט מעסערס אויף פון בליי,
האַלב הונט, האַלב מעסער אין דער האַנט. . .

די ערשטע בלאַט — אויף שניט. פאַרמאַכט.
אין מעסער בלייבט די האַנט. שוין זייגער צוויי ;
— דעם קאָפּ פאַרדעקט אַריבער — מיין געלעגער וואַרט,
און קוקט אויף קיינעם ניט, ווי אַ צעבלוטיקט אויג—מיין קאַלטע טיי...

דער פענסטער צוגעמאַכט מיט לאָדן האָט זיין מויל,
און פון געלעכטער האַלט זיך תמעוואַטע איין די וואַנט, —
פון בליי האַלב הונט, האַלב מעסער אין דער האַנט. . .

מיין שטול איז ווייך ; און איך בין דרעמלדיק און פויל,
אין שאַרבן ציילן הינט ביי מיר פון טאָג דאָס קליינס,
— אַלץ איינס ! . .

יז.

פאַרבינד זיך דיינע אויסגעשפּיזטע אויגן, טאָג,
מיט גאַסן אָפּגעהאַנדלטע פון מיינע הענט
און שטעל אויף אַקסל זיך אַוועק די זון
— דעם אַלטן פּאַפּוגיי
ער זאָל אַרויספּיקן פאַר מיר מיט בלוטיק מויל
פון בלויער ווייט,
פון בלויער וויג —
— אַ בלעטעלע „אויף גליק"...

אויף עלנבויגנס נאַקעטע פון אָפּגעפּויקטע ראגן,
ווי מיט מטבעות גאָלדענע נ'צעלאָזטע האָר פאַרפלאָכטן,
גייט אום שוין שטיל די שוואַרצע טרעפּערן
מיט רויטע פייערלעך פון טרעפּנדיקע קאָרטן...

אָ,— ווייכע פינסטערניש,—פון וויפל נעסטן?
דורך וויפל פינגער איילן זיך און יאָגן?
אָ, פּאַפּוגייען נאַרישע, — פון וויפל קעסטעלעך
„אויף גליק" מיר שעפּן, בלינדע, זיך אַליין אָן?

— איך וועל דאָס בלעטעלע ניט עפענען,
— איך וועל דאָס בלעטעלע ניט לייענען!...

יח.

לעצטער טראָפּן טאָג־שיין זוכט שוין נעסט אין מיינע אַפּלען,
לעצטער טראָפּן רעגן
שטיל זיך אַ געלעגער בעט אויף מיינע וויעס,
בלעטעלעך מיט ווינט אויף מיר שוין עפּעס פּלאַפּלען...
— נאר ס׳גייען נאָך ניט רויק מיינע פיס,
— און ס׳וואַלגערן אויף טאָג זיך נאָך די וועגן...

פון ערגעץ ריזלט שוין אַ אָוונטיק געזאַנג,
אויף שמעקנדיקע טראָפּנדלעך פאַרנאַכטנדיקן טוי,
און לייגט זיך צו צום האַרץ פון יעדער זאַנג,
צו אָנגעטרונקען האָט זיך יעדער שטרוי...

איך בין איצט אויף אַ בראָך פון אַ געלינקטער גאַס, —
אין עמעצס מויל — אַ שכּורער געטראַנק...
— איך וואַרט אויף דיר, מיין אָוונטיקער גאַסט,
דיך אויפנעמען כ׳בין נאָך ניט גרייט, אָ, אָוונטיק געזאַנג!..

סתם

א.

צענעמט מיר ניט מיין בריק פון זינגענדיקן ביין,
מיט אָדערן זיין אָנהויב צו מיין האַרץ האָב איך פאַרצויגן;
— פאַרבייגייער! דו קאָנסט זיך אויף אים הין און צוריק אַזוי גיין,
אַ זונה — גייט אויף אים אַרויס מיין ליד און קערט זיך אום אַליין...

זיין סוף זיך וויגט אין רוים, — אַ פליגל פון מיין ווייען,
און פויגלען שטעלן זיך אויף אים אין וועג, ביי לעמפ פון מיינע אויגן;
— אָ, מיינע פליענדיקע געסט! מיט פרייד פאַר אייך מיין בריק איך בויג אָן
נאָר ווייסט: ניט זיכער איז דאָ קיינעמס רו, געפערלעך איז דאָ יעדן שטיין...

ווער עמעצער, מיט רוים אין בליק,
וועט הענגענדיקע פיס פון בריק צו זיך אין וואַלד פאַרזויגן
און זיך מיט אים, ווי אין געשלעג, פאַרדרייען?
דו, יעדערער, מיט אויסגעלייזטע הענט פון שטריק,
צו דיר און ניט צו דיר — מיין בריק פון ביין איז אויסגעצויגן,
אויף אים מיין ליד — אַ זונה גייט אַרויס און קערט זיך אום אַליין...

ב.

אַ גלאַטע אָפּגעהאַקטע קאָפּ מיט צוועלעף אויסגעברענטע אויגן,
מיט צוועלעף גלאַטע ברעמען, אויסגעקראָכענע פון צייט ;
אָ, צוועלעף חתימות, אויסגעשרפהטע אויף אַלטן גרויען קרייד,
אינמיטן שטאָט צו קלויסטערס שטערן צוגעצוויאָקעט און פאַרצויגן. . .

פון צוועלעף ברונעמער איר טרינקט, איר סמאָקעט אין אַ רינג געבויגן,
שוואַרצאַפּלען צוועלעף פּעכיקע מיט שלענגלעך=בילמעלעך פאַרבלייט ;
אָ, צוועלעף בלינדע ! לייענט, לייענט — אויסווייניק אויף שטרעקעס ווייט,
אָ, צוועלעף שטומע ! הזרט, הזרט זיך דעם „אלף בית“, פון אייביקייט פאַרזויגן. . .

און ווידמעט זיך, ווי ערד ווי שוואַרצע פון אַ רעגן,
אייך שלאָגט דער קלויסטער=גלאָק אין מוח ?—ברעכט איר ביי צייטן אויס די טירן ?
און פינטלט, שווינדלט, — צוועלעף גולמס, אויפגעטרייסלטע פון שלאָף ;

צוויי שוואַרצע פיאַווקעלעך פון שטאָלענע געשרויפטע געהירן
אויף בייכלעך קריכן בלינדע אום : ביי איין אויג אויפן אַנדערן זיי פרעגן,
און קאָנען, דרייענדיק זיך, ניט דערגיין קיין אָנהויב, ניט קיין סוף ! . .

ג.

איך האָב שוין אָנגעקליבן שטיינדעלעך אַזוי פיל,
מיט הענגערלעך אויף צילען זיי איניינעם;
און גיי נאָך דאָרשטיקער אויף אומוועגן אַליין אום,
— מיר ווייניק אַלץ איז, מיר איז קאַרג, מיר ווילט זיך כפל...

און גייט אַ איישעריק אויף מיר אַ ווילדער שײַי־פאַל
— אויף מיר, אויף מיר, אויף מיר, אויף מיר — אויף איינעם!
איך שלינג מיט אויגן אייך, מיט פינגער, אַלץ איך מײַן נעם,
נאָר ציילן, צילען אייך, איך וויל ניט אויף קײַן רייפל...

אזוי פיל סטעכטעס אָפגעלייגטע אין די רוימען,
און אַזוי ווייניק אין די הענט און אויפן וועג איז,
— ווי קאָן איך אויפצילן די ווינטן מיטן טאָג?..

אָ, ערגעץ, זון, מיך קוק אַ שטערנדיקן טרוים אָן!
אָ, ערגעץ אייביקייט, ניט רעכן מיינע רגעס, —
איך וויל ניט צילען, כ׳וויל ניט ציילן מיין פאַרמאָג!..

ד.

אויף אַ צעוויקלטן, אויף פּאַרמעט־גרויען דף
פון אַלטע, אָפּגעריבן־דעמערישע ביכער,
גלייך ווי מיט בלעטעלעך מיט רויטע פון אַ וויכער, —
מיר שרייבט אַ רויק־מילדע האַנט כסדר: — אַף!..

אַזוי פיל בלעטלעך שוין ווימלען אויף דעם כתב,
און האַנט אויף חשבון קויקלט רינגעלעך מיר זיכער;
— כ'האָב נישט געפרעגט זיך נאָך: — „וואָס אָפּגעבן וועל איך איר“
אָ, כ'וועל אַוועק גיין, ווי געקומען, כ'בין — אַ שקלאַף...

וויפל זי טרויעט מיר, די האַנט, די רויק־מילדע,
ביי מיר זי מאָנט ניט די געווינסטן פון מיין רעש־קאָן, —
זי באָרגט, זי גלויבט, זי ציילט ניט מיינע טריט...

אַ מילנער — אַלץ מיט פרייד צעמאָל איך אין מיין מיל דאָ...
אָ, אייביקייט, פאַרלייגסט פאַר מיר אַ גרויסן משכּן...
איך ווייס ניט — אויסקויפן צי כ'וועל אים מיט מיין ליד!..

אינהאַלט:

I. פרעליוד.

דעם ערשטן סאָכער 5
און וויגט זיך אויף קײטן 6

II. וויווּעס.

אויף מיר דערהויבענעם פון אש 9
כ'נעם אָן פאַר ליב מײַן צער 16
כ'וועל מאָרגן אויפשטײן הונגעריק 17
אַ, טענץ פון הופּהדיקע טרונעס 18

III. חצות.

אויף דער געשטאָרבענער 21
אַ, אײַלט זיך 23
גלעקער — האַלב-נאַכט 24
מיר, בעטלער, באָרוועסן 27
האָט אַ שטורעם מיר פאַרטרויעט 28
האַלב-נאַכט אָנגעשיקט 29
מיט אַש אויף אויפגאַנגס 30
רײַטער-אירע, רײַטער-אַ'רע 31
אויף וועגן גליטשיקע 32
בעטל ניט אויף טל 33
אויף וועלן אויף ווילדע 34

IV. זינגענדיקע שטײנער.

זאָלסט מיך ווײַג דאָ ניט פאַרפירן 37
שטוב-פאַרקײַטלט 39
אויף זאַמדן אויף וויסטע 40
מיט מאַרך פון מײַן צורעלטערס 42
מיט טאָרבעלעך 43
מיט אַ שטיק וואָל 45
אויף שײד-וועגן 46
מײל צו מויל 48
כ'צעגיס זיך 49
תמוז 50
נענטער צו מיר 52
וואָס פאַר אַ גרויסער טאָג 53
אויף וועמען וואַרט מען נאָך 54
אויסגעצויגן ווי אויף וואַך 55
פרייען זיך אויף דעכער ראָבן 56

V. צפון.

דו, בלינדער ערגעץ 59
פון שטרויענע דעכלעך 60
כ'וועל קיינעם ניט פרעגן 63
מיט רויך אין אויגן 68
פּאַרבענקט 69
שוואַרצע קאַרעטעס 71
נאָך יאַטערט זיך 73
הויקערדיק דיין גרינער ברויט 74
דו, אויסגעהאָניקטע 75
יאָ-יאָ, מיין קאָפּ 77
איך היט דאָ דיין געקרייצטן קאָפּ 78
ניט איך 79
גייען אויף 80

VI. שטאָט.

באַפעל 83
געפּאַלמעסטע 84
געפּענטעטע 85
מיט ווייפל מיילער 86
אינמיטן פלאַץ 87
דו, לאַנגער שוואַרצער שטריק 88
א לעצטע נאַכטישע דעפּעש 89
צום שר פון חשך 90
שקלאַפן 92

VII. שיידונג.

איבער ברייטן איבער לענגען 95

VIII. ביים וואַנט.

פון דיין צעזעגן מויל 107
שוואַרצן זיך אויף מיינע הענט 108
מיט ווייפל 109
משוגעת 110
איך דראַפּע זיך 112
איך ווייס 113
כ'וויל ביזן טויער 114
אין זאַמד 116
כ'בין חבר מיט דיר, טויט 117
מיר ווייסן ביידע 118
אין שוואַרצער נאַכט 120

IX. טשאַטערדאַג.

1 — 24 123

X. שניי שיט.

איבער נאַכט 149
הויך מיט זאַנגען 152
פון ווינטן פון אַלע 153
און פאָרן זיך ווינטן 155
טויזנט-פליגלדיקער שטורעם 157

XI. נאַכט-פאַל.

טרענקען זיך 161
בלויער אָוונט 164
מיט קיטלען 166
דו, איינער 167
שטיי, פאַרביימענטש 168
פאַרקויף מיר 169
אויסגעצויגן 171
אין לעצטן צאַנק 172
אין בלויער האַלבער נאַכט 173
נאָך שטיין אַביסעלע 174
פאַרטריבן 175
פון וועו איך בלאָנדזשע 176
אַ הילצערנער בושל 177
אויף פעלדער 178
אַ ווייכער שטול 179
פאַר דרימלדיקן בליק 180
פאַרבינד זיך 181
לעצטער טראָפּן 182

XII. סתם.

צענעמט מיר ניט 185
אַ גלאַטע אָפּגעהאַקטע קאָפּ 186
איך האָב שוין אָנגעקליבן 187
אויף אַ צעוויקלטן 188

ווערק פון פרץ מאַרקיש:

שווּלן — „פאָלקס-פאַרלאַג," קיעוו.
פוסט און פּאַס — פאַרלאַג „ווידערשפּאַס", קאַטערינאָסלאַוו.
נאָכן טעלערל פון הימל — פאַרלאַג „נאַטור און מענטש", קאַטערינאָסלאַוו.
שטיפערי ש — פאַרלאַג „נאַטור און מענטש", קאַטערינאָסלאַוו.
אינמיטן וועג — פאַרלאַג „מאַיאַק", קאַטערינאָסלאַוו.
פאַרבייגייענדיק — פאַרלאַג „ב. י. ש. א.", ווילנא.
אין סקילה-לאַנד — פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע.
די קופּע — פאַרלאַג „קולטור-ליגע", וואַרשע.

קולטור-ליגע װאַרשע